# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

יום כיפור

מכון
באר האמונה

**יו"ל ע"י**

**מכון 'באר האמונה'**

מכון
באר האמונה

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הערות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## יום הכיפורים

אין טהרה כתורה - תשובה דורך לימוד התורה ........................... א

ש׳בת ב׳ ת׳שוב - שבת שובה ........................................ ב

שבעת ימים קודם - אויף יו״כ פעלט זיך אוים אַ ריכטיגע הכנה ................ ג

זה כפרתי - זיך מעורר זיין צו תשובה ביי די כפרות ............................ ד

כל האוכל ושותה בשביעי - די גרויסע שמחה ביי די סעודה פון ערב יו״כ .............. ה

שלא אבעוס היום - אַבטונג געבן פון ח״ו אַריינפאַלן אין כעס ערב יום כיפור ......... ט

כי גדול יום ה׳ - די גרויסקייט פונעם עצם טאָג יום הקדוש ........................ יא

ומי מטהר אתכם - די גרויסע טהרה צו וואָס מיר זענען זוכה אין דעם טאָג ........... יד

ומודה ועוזב ירוחם - די מצוה און סגולות פון וידוי .............................. טז

בעת נעילת שער - דער הייליגער זמן פון ״נעילה״ ................................ כ

# יום הכיפורים

**אין טהרה כתורה - תשובה דורך לימוד התורה**

**מיר** האָבן געלייענט אין פרשת וילך (דברים לא, כא) "כי לא תשכח מפי זרעו", די תורה וועט נישט פאַרגעסן ווערן פון אידישע קינדער, און די גמרא זאָגט (שבת קלח:) רבי שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט, "חס ושלום שתשתכח תורה מישראל", מ'טאָר נישט זאָגן אַז די תורה וועט פאַרגעסן ווערן פון אידן, ווייל דער פסוק זאָגט דאָך בפירוש "כי לא תשכח מפי זרעו".

**בפרט** אין די איצטיגע טעג, טעג פון תשובה, דאַרפן מיר זיך שטאַרקן אין לימוד התורה[א], ווי דער מדרש זאָגט (שמ"ר פל"ח, ד) אַז די אידן האָבן געזאָגט צו דעם אויבערשטען, "עניים אנו ואין לנו להביא קרבנות", מיר זענען אָרים און מיר האָבן נישט (קיין געלט) צו ברענגען קרבנות פאַר דיר. האָט דער אויבערשטער זיי געענטפערט: "דברים אני מבקש" - איך פאַרלאַנג פון איך ווערטער, ווי דער פסוק זאָגט (הושע יד, ג) "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'", און איך וועל מוחל זיין אַלע אייערע עבירות. "ואין דברים, אלא דברי תורה", "דברים" מיינט מען נאָר דברי תורה, ווי דער פסוק זאָגט (דברים א, א) "אלה הדברים אשר דיבר משה".

**אַזוי** זאָגן די חז"ל אויך אויף אַן אַנדער אָרט (ויק"ר פכ"ה, א) "אם נכשל אדם בעבירה" - אויב דער מענטש איז חלילה נכשל געוואָרן מיט אַן עבירה, "מה יעשה ויחיה" - וואָס זאָל ער טוהן אַז ער זאָל לעבן? ענטפערן די חז"ל, "אם היה למוד לקרות דף אחד", אויב ער איז געוועזן געוואוינט צו לערנען (יעדן טאָג) איין בלאַט, "קורא שני דפים", זאָל ער לערנען צוויי בלעטער, "ואם היה רגיל לשנות פרק אחד", און אויב ער איז געוועזן געוואוינט צו לערנען (יעדן טאָג) איין פרק, "ישנה שנים" - זאָל ער לערנען צוויי בלעטער[ב]. דאָס איז פאַר איהם דער בעסטער וועג פון תשובה.

---

**א.** דער "חפץ חיים" זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט אַ שמועס (וואָס האָט געדויערט נישט מער ווי דריי מינוט) אין זיין ישיבה, ביי די "פתיחה" פון חודש אלול. דער "חפץ חיים" האָט אַרויסגעברענגט, אַז יעדער מענטש וויל דאָך האָבן אַ סאַך געלט. פאַר וועלכן צוועק, נויטיגט זיך אַ בן תורה אין געלט? איז דער תירוץ אויף דעם, כדי אַז ווען עס וועט קומען דער יום טוב סוכות, זאָל ער קענען קויפן מהודר'דיגע ארבעה מינים (אין יענע צייטן, האָט געהערשט גרויסע שווערקייט... אין יענע צייטן, האָט געהערשט געווען אַ מאַנגל אין אתרוגים אין פוילן און רוסלאַנד, מ'האָט עס געדאַרפט ברענגען פון ווייטע מדינות, אַזוי אַז אַ סאַך אתרוגים און לולבים זענען פסול געוואָרן אויפ'ן וועג, און דאָס האָט אַרויפגעשרויפט די פרייזן פון די ד' מינים, אַז נאָר פאַרמעגליכע אידן האָבן זיך געקענט ערלויבן צו האָבן מהודר'דיגע ד' מינים).

און דער "חפץ חיים" האָט פאַרגעזעצט, די מצוה פון נטילת לולב איז דאָך אַ 'דאורייתא' נאָר דעם ערשטן טאָג יום טוב, אָבער אין די אַנדערע טעג פון יום טוב איז עס נאָר 'דרבנן', און פונדעסטוועגן, ווייסט יעדער איינער אַז מ'דאַרף אויסגעבן פאַר אַ שיינעם אתרוג, אַפילו 50 רובל, ווייל די ווערד פון די מצוה האָט דאָך נישט קיין שיעור.

- נו - האָט דער "חפץ חיים" ווייטער געזאָגט. - די חז"ל זאָגן (ירושלמי פאה, פ"א, ה"א) אויפ'ן פסוק (משלי ג, טו) "כל חפציך לא ישוו בה", אַז אַלע מצוות פון דער תורה, זענען נישט גלייך צו איין וואָרט אַפילו פון די תורה. זאָגט אויף דעם דער ווילנער גאון זי"ע ("שנות אליהו" הארוך, דאָרט), אַז די כוונה איז, אַז אַפילו איין וואָרט פון תורה איז חשוב'ער ווי אַלע מצוות צוזאַמענגענומען.

און דער "חפץ חיים" האָט אויסגעפירט, "איך האָב זיך מתבונן געווען אינעם זייגער, און איך האָב געזעהן אַז אין איין מינוט קען דער מענטש זאָגן 200 ווערטער. לויט דעם קומט אויס, אַז יעדע מינוט פון לימוד התורה, איז דער מענטש מקיים 200 מצוות, וואָס יעדע איינצעלנע מצוה איז מער ווערד פון אַלע תרי"ג מצוות צוזאַמען. קומט אויס, אַז אין לויף פון פינף מינוט, קען דער מענטש זיך 'איינקויפן' נישט ווייניגער ווי 1,000 מצוות, וואָס יעדע מצוה פון די מצוות, איז חשוב'ער ווי אַלע תרי"ג מצוות. אויב אַזוי, ווי קען מען פאַרשפעטיגן אַפילו בלויז פינף מינוט פון סדר הישיבה...

**ב.** דער "לב שמחה" ברענגט (עשי"ת תשמ"ג) אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט אויף דעם לשון פון די ברכה (תפלת שמ"ע) "השיבנו אבינו לתורתך... והחזירנו בתשובה שלימה לפניך", אין אָנהויב בעטן מיר אַז דער אויבערשטער זאָל אונז אומקערן צו זיין הייליגע תורה, און דערנאָך בעטן מיר אַז מיר זאָלן קענען טוהן פאַר איהם תשובה שלימה, ווייל דער וועג און דער טויער צו תשובה, איז לימוד התורה.

די חז"ל זאָגן דאָך (פתיחתא דאיכ"ר ב) "המאור שבה יחזירנו למוטב"[ג]. דער שיין פון די תורה ברענגט צוריק דעם מענטש צום גוטן וועג. און אַזוי זאָגט דער ילקוט (ירמיה רמז רפב) רב הונא און רבי ירמיה און רבי חייא בר אבא האָבן געזאָגט, דער פסוק זאָגט (ירמיה טז, יא) "אותי עזבו ואת תורתי לא שמרו", "הלוואי אותי עזבו, ותורתו שמרו". דער אויבערשטער כביכול רעדט זיך אָפּ אויף אידישע קינדער, אַז הלוואי וואָלטן זיי עוסק געווען אין לימוד התורה כאָטש זיי האָבן געזינדיגט. ווייל אויב "תורתי שמרו" - זיי וואָלטן געלערנט תורה, וואָלט די תורה זיי צוריקגעברענגט צום גוטן וועג.

**הרה"ק** רבי שמחה בונם זי"ע פון פשיסחא האָט געטייטשט (מובא בס' "ביכורי אביב", פ' תצא) דעם פסוק (תהלים יט, ח) "תורת ה' תמימה משיבת נפש", ווען דער מענטש זינדיגט, גייט זיין נשמה אַרויס פון איהם רח"ל, נאָר די תורה ברענגט צוריק די נשמה צו דעם מענטש וואָס האָט געזינדיגט ("משיבת נפש"). אַדאַנק לימוד התורה, באַקומט ער צוריק זיינע נשמה און אַלע זיינע כוחות הנפש וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען צוליב זיינע חטאים.

**דער** עיקר טהרה איז דורך לימוד התורה ביגיעה, ווי צדיקים האָבן געזאָגט אויף די ווערטער פון די חז"ל (פסחים מב:) "עמילן של טבחים, פת תבואה שלא הביאה שליש, שמניחה על פי קדירה ושואבת הזוהמא" (די סדר פון די קעכערס איז געווען, אַז זיי פלעגן לייגן אַ טייג אויף די טאָפּ וואָס קאָכט, און דאָס האָט איינגעזאַפּט און זיך די שוים און היץ פונעם טאָפּ), אַז פונקט ווי "עמילן של טבחים" ציט אַרויס די "זוהמא" פון דעם טאָפּ, אַזוי טוט "עמלה של תורה" - די האָרעוואַניע און פלאָגעניש אויף תורה, צו פאַרשטיין גוט וואָס מ'לערנט - "אַרויסציען" און בטל מאַכן דעם גאַנצן "זוהמא" פונעם נפש.

**דער** "אור החיים" הקדוש, שרייבט אין זיין ספר "ראשון לציון" (משלי ב, ז), אַז עס זענען דאָ דריי וועגן פון טהרה: טבילה, הגעלה, און ליבון באש. לימוד התורה איז מטהר דעם מענטש אַזוי ווי "ליבון באש", ווייל די תורה ווערט צוגעגליכנט צו פייער: "הלא כה דברי כאש נאם ה'" (ירמיה כג, כט).

### ש'בת ב'ו ת'שוב - שבת שובה

**דער** נביא זאָגט (ישעיה נח, יג) "אם תשיב משבת רגלך עשות חפציך ביום קדשי". זאָגט דער הייליגער רוזינער זי"ע, אַז דער נביא רעדט וועגן שבת שובה. דער אויבערשטער זאָגט: "אם תשיב משבת", אויב דו וועסט תשובה טוהן אין דעם שבת (שבת שובה)[ד], "רגליך" - פון דיינע געוואוינהייטן (פון לשון "הרגל"), דו וועסט

---

**ג.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, האָט געזאָגט אַ רמז אויף די ווערטער פון די חז"ל (תמיד לב:) "כל העוסק בתורה בלילה, שכינה כנגדו". "לילה" איז מרמז אויף פינצטערניש ברוחניות ח"ו, און אויך "כנגדו" איז מרמז אויף דעם. האָבן די חז"ל אונז געלערנט, אַז דער איד וואָס לערנט תורה, אפילו ווען ער איז אין דער בחינה פון "לילה" ח"ו, און "כנגדו" ח"ו, פונדעסטוועגן, ווען ער לערנט תורה, רוהט אויף איהם די הייליגע שכינה.

**ד.** הרה"ק בעל "חידושי הרי"ם" זי"ע, איז אַמאָל פרייטאָג צו נאַכטס אַריינגעקומען אין בית המדרש, און געזעהן ווי דער עולם זיצט און לערנט. האָט ער געפרעגט די חסידים, "ווער האָט אייך מתיר געווען יעצט צו זיצן דאָ אין שוהל, אנשטאט אַהיימצוגיין און מקיים זיין די מצוה פון "קידוש" און עסן די שבת'דיגע סעודה? דער פסוק זאָגט דאָך (ישעיה נח, יג) "וקראת לשבת עונג"!

ער האָט אָבער באַלד צוגעגעבן: "אָבער וויבאַלד איר זענט עוסק אין תשובה, אויף וועלכע דער פסוק זאָגט (דברים י, טז) "ומלתם את ערלת לבבכם", און די מצוה פון מילה איז דאָך דוחה שבת, ממילא מעגט איר, ממשיך זיין אין תורה ועבודת ה' אין בית המדרש..." (מובא בחלקו בס' "ליקוטי יהודה", פ' עקב, ע' קנ-קנא).

אויף די מעשה, האָט הרה"ק בעל "פני מנחם" זי"ע געפרעגט, מיר ווייסן דאָך אַז דאָס וואָס מילה איז דוחה שבת, איז נאָר אויב עס איז "מילה בזמנה" - צום אַכטן טאָג פונעם קינד'ס געבורט, אָבער דאָ איז דאָך עס געווען "שלא בזמנה", ווייל ווי באַקאַנט, איז דער זמן פון תשובה פרייטאָג, און אויב אַזוי ווי אַזוי האָבן די חסידים געמעגט דוחה זיין די מצוה פון "כבוד שבת" און "עונג שבת" פאַר "מילה" שלא בזמנה... האָט ער געענטפערט, אַז פון דעם זעהט מען, אַז די מצוה פון תשובה האָט נישט קיין באַשטימטע צייט... איר צייט איז שטענדיג, און דערפאַר איז עס דוחה שבת (און עס איז דאָך פשוט, אַז שבת שובה, איז ממש אין דער בחינה פון "מילה בזמנה"...)

משנה זיין דיין רגילות וואָס דו ביזט צוגעוואוינט דערמיט, פאַרזיכערט דיר דער אויבערשטער, "עשות חפציך" - וועל איך טוהן פאַר דיר אַלע דיינע באַדערפעניש, און איך וועל פאַרזיגלען פאַר דיר אַ גוט געבענטשט יאָר, "ביום קדשי" - אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור הבא עלינו לטובה[ה].

**עס** שטייט אין ספה"ק "שפת אמת" (שבת שובה תר"ס) אַז שבת שובה, דאַרף מען זיך שטאַרקן מער ווי אין אַנדערע שבתים, ווייל עס איז דאָך דער ערשטער שבת פונעם יאָר, און די חז"ל זאָגן (שבת קיח:) אַז אויב די אידן וואָלטן געהיטן "שבת ראשונה" - דעם ערשטן שבת - וואָלט קיין שום אומה ולשון נישט געקענט געוועלטיגן אויף זיי. ממילא, וויבאַלד ראש השנה באַקומט מען אַ "נייעם סדר", אויפ'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר הבעל"ט, איז ווען מ'איז מקבל אויף זיך ריכטיג דעם "ערשטן שבת" פון יאָר, איז מען זוכה אַז אין לויף פונעם גאַנצן יאָר וועט מען זיך פירן ווי אַ איד דאַרף זיך פירן, עבל"ק.

**שבעת ימים קודם - אויף יו"כ פעלט זיך אויס אַ ריכטיגע הכנה**

**די** משנה (יומא נג.) זאָגט וועגן די עבודה פון כהן גדול אין יום כיפור, "נכנס למקום שנכנס, ועמד במקום שעמד". דער כהן גדול איז אַריינגעגאַנגען אין דעם אָרט וואו ער איז אַריינגעגאַנגען, און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דעם אָרט וואו ער איז געשטאַנען.

**זאָגט** אויף דעם הרה"ק רבי מיכל'ע זלאָטשוב'ער זי"ע ("תורת המגיד מזלאטשוב", יום הכיפורים, ד"ה "בעבודת"), אַז דאָ איז מרומז אַז דער עיקר איז צו מאַכן א הכנה פאַר'ן מקיים זיין אַ מצוה. אפי' אויב דער כהן גדול איז אַריינגעגאַנגען אין דעם הייליגסטן אָרט, איז עס נאָר געווען "למקום שנכנס" - דאָרט וואו ער איז "אַריינגעגאַנגען". דאָס הייסט, ער האָט געמאַכט די געהעריגע הכנות במחשבה, פון פריער. "כפי ערך הזדככות וקדושת מחשבותיו של כהן גדול כל השנה, כך כפי ערך זה נכנס ביום הכיפורים" - לויט ווי ער האט גערייניגט און געהייליגט זיינע מחשבות אַ גאַנץ יאָר, אַזוי איז ער אַריינגעגאַנגען אין יום כיפור. דאָס איז אויך די כוונה פון "ונכנס למקום שנכנס" - ער איז אַריינגעגאַנגען אין דעם אָרט וואו ער איז געשטאַנען "כל השנה" - אַ גאַנץ יאָר.

**דער** ענין פון מאַכן די ריכטיגע הכנה צו דעם הייליגסטן טאָג פון יאָר, איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר פאַר דעם כהן גדול, נאָר פאַר יעדן איד.

**די** משנה (סוף מס' יומא) זאָגט, "אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל, לפני מי אתם מטהרין, ומי מטהר אתכם, אביכם שבשמים, שנאמר (ירמיה יד, ח) מקוה ישראל ה', מה מקוה מטהר את הטמאים, אף הקדוש ברוך הוא מטהר את ישראל". זעהט מען פון דעם, אַז דער הייליגער תנא רבי עקיבא פאַרגלייכט די טהרה פון יום כיפור, צו די טהרה פון אַ מקוה.

**זאָגט** דער "ילקוט הגרשוני" (קונטרס אחרון, ערך תשובה) אַז פונקט אַזוי ווי ביי די טהרה פון מקוה, זאָגט דער רמב"ם ז"ל (הלכות מקוואות, פ"א, ה"ט) אַז דער וואָס שפּרינגט אַריין אין מקוה, ווערט אָנגערופן "מגונה" (ער האָט געטון אַ נישט-שיינע זאַך), דאָס זעלבע איז ביי די טהרה פון יום כיפור (ווייל יום כיפור איז דאָך צוגעגליכן צו מקוה). דער מענטש וואָס "שפּרינגט אַריין" אין הייליגן טאָג אָן צו מאַכן אַ געהעריגע הכנה פון פריער, איז "מגונה", נאָר מ'דאַרף מאַכן די געהעריגע הכנה צום הייליגן טאָג, שטאַפּל נאָך שטאַפּל, און נישט "אַריינטאַנצן" אינעם טאָג, אין איין מינוט.

---

**ה.** די בעלזער צדיקים זי"ע האָבן זיך געפירט, ביי שלש סעודות, "רעוא דרעוין" פון שבת שובה, צו זיצן נעבן די טיר ווי אַן אָרימאַן וואָס שטייט ביי די טיר און בעט ביי זיך פאַר'ן באַשעפער אַז ער זאָל זיך דערבאַרימען אויף איהם און אָננעמען זיין תשובה, "כעני בפתח" (ס' "ביתו נאוה קודש", תשרי, ע' 232-233). איין יאָר שבת שובה, האָט דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע, זיך אַוועקגעזעצט ביי די טיר און אָנגעהויבן זאָגן מיט אַ קול געשטיקט מיט טרערן, "כעני בפתח, כעני בפתח"... און מער האָט ער נישט געזאָגט אַפילו אַ וואָרט. די ווערטער וואָס זענען אַרויס פון זיין הייליג מויל און האַרץ, האָבן אַריינגעדרינגען אין די הערצער פון גאַנצן עולם, און מעורר געווען צו תשובה און תיקון המעשים.

**ענדליך** שרייבט דער "בינה לעתים" (דרוש י"א) אַז פונקט אַזוי ווי ביי די טהרה פון אַ קוואַל און אַ מקוה, וועט דער מענטש נישט ווערן ריין אויב ער טוט נישט קודם אַ פעולה צום גוטן, דורך איינטינקען זיין גאַנצן גוף אין וואַסער וואָס ברענגט איהם טהרה, אַזוי אויך ביי יום כיפור, וועט דער מענטש נישט ווערן טהור, אויב ער "טינקט" נישט איין זיין גאַנצן גוף אינעם טאָג. כאָטש דער אויבערשטער רייניגט אידישע קינדער אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור, פונדעסטוועגן, דאַרף יעדער איינער זיך פריער רייניגן צום דעם הייליגן טאָג.

**אויף** דעם זאָגן מיר, "לפני מי אתם מטהרין" - קודם זאָלט איר זיך רייניגן פון יעדע טומאה, און דערנאָך וועט מקוים ווערן "ומי מטהר אתכם, אביכם שבשמים".

### זה כפרתי - זיך מעורר זיין צו תשובה ביי די כפרות

**אין** די טעג פאַר יום כיפור, שלאָגט מען "כפרות" אויף אַן עוף.

**עס** איז כדאי אַריינצוטראַכטן זיך אין די ווערטער פון "מאירי" ("חיבור התשובה", מאמר ב', פרק ח') וואָס ער זאָגט אַ טעם פאַר'ן מנהג פון כפרות, אַז דאָס טוט מען כדי אַריינצוברענגען אַ פחד פאַר דעם יום הדין. "שאין הכוונה במנהג רק להעיר לב האדם ולהרעידו", ווייל די כוונה פון דעם מנהג (פון כפרות) איז נאָר כדי מעורר צו זיין דאָס האַרץ פונעם מענטש און איהם דערשרעקן, "להיות מראה את עצמו כאילו הוא ובני ביתו מחויבים לכך מצד עוונותיו", אַז ער זאָל ווייזן כאילו ער און זיינע בני בית האָבן עס פאַרדינט צוליב די עבירות ח"ו. "ושאם ישוב לה' בכל לבו, יהפוך ה' אליו את הקללה לברכה", און אַז אויב ער וועט תשובה טוהן פאַר דעם אויבערשטען מיט'ן גאַנצן האַרץ, וועט דער אויבערשטער איבערדרייען פאַר איהם די קללה צו ברכה. "ויקרע גזר דינו בתכלית תשובתו", און ער וועט צערייסן דעם גזר דין מיט זיין תשובה[ו].

**דער** "מאירי" פירט אויס, אַז ער האָט אַזוי געטראָפן אין די גאונים, אַז דער עיקר פון דעם מנהג איז, אַז יעדער איינער זאָל נתעורר ווערן צו יראת שמים[ז].

**דער** מהר"י ווייל ז"ל שרייבט אין זיינע תשובות (סי' קצא, הובא בשער הציון סי' תר"ה סק"ב) אַז מ'נעמט אַ הינדל פאַר אַ כפרה, און מ'פירט זיך צו מאַכן דערמיט "ארבע מיתות בית דין":

**"סקילה"** איז מען מקיים מיט דעם וואָס מ'בייגט אַראָפּ דאָס הינדל בשעת'ן שחט'ן. "הרג" איז מען מקיים מיט די עצם שחיטה וואָס מ'שחט דאָס הינדל. און כדי מקיים צו זיין "שריפה" פאַרברענט מען אַ טייל פון די פעדערן, און איידער מען שחט דאָס עוף, לייגט מען די פינגער אַרום דעם האַלדז פונעם הינדל, כדי מרמז צו זיין אויף מיתת "חנק".

---

**ו.** דער "מאירי" געבט צו, אַז צוליב דעם האָט מען זיך געפירט צוזאַמען מיט די כפרות, צו טיילן אַ סאַך צדקה, און אַוועקגעבן דאָס גע'שחט'ענע הינדל פאַר אַרימעלייט, כדי צו צורייסן דעם גזר דין דורך די מצוה פון צדקה.

**ז.** הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער זי"ע האָט געזאָגט (בדרך מליצה) אויף די פסוקים (איכה ג, א-ב) "אני הגבר ראה עני בשבט עברתו, אותי נהג ויולך חושך ולא אור, אך בי ישוב יהפוך ידו כל היום". די פסוקים זענען מרמז אויף די יעניגע מענטשן וואָס שטייען אויף פון שלאָף ערב יום כיפור פאַרטאָגס, און נעמען אַ הינדל און דרייען עס אַרום זייערע קעפּ, ווי ס'איז דער מנהג, אָבער זיי טראַכטן נישט אַריין בשעת מעשה וואָס זיי טוען. אויף דעם זאָגט דער נביא, "אני הגבר", דאָס הינדל (וואָס ווערט אויך אָנגערופן "גבר" - יומא כ.), "ראה עני", איך האָב געזעהן אַ מענטש וואָס איז "אָרים" אין שכל און אין מעשים טובים (ווי די גמרא זאָגט (נדרים מ.) "אין עני אלא בדעת" - אָרים איז דער מענטש וואָס האָט נישט פאַרשטאַנד צו דינען דעם אויבערשטען). "בשבט עברתו" - ער האָט געזינדיגט קעגן דעם באַשעפער ("עברתו" פון לשון "עבירה"). און כדי זיך צו ראַטעווען, "אותי נהג ויולך", האָט ער מיך (דאָס הינדל) געפירט אַרום זיין קאָפּ, "חושך ולא אור" - ווען עס איז נאָך געווען טונקל, און נישט לעכטיג (דאָס מיינט, ערב יום כיפור פאַרטאָגס). "אך בי ישוב" - ער וויל אַרויפלייגן זיין 'תשובה' נאָר אויף מיר, אויפ'ן הינדל... אויף אַזאַ אופן, איז אַפילו "יהפוך ידו כל היום", קען זיין האַנט 'דרייען' מיט'ן הינדל אַ גאַנצן טאָג, און זאָגן 'זה חליפתי'... וועט עס אויך נישט העלפן, ווייל דער עיקר איז דאָך נתעורר צו ווערן צו תשובה בשעת'ן כפרה שלאָגן.

**שרייבט** דער מהר"י וויל ווייטער, דער מענטש זאָל טראַכטן אין זיין געדאַנק, אַז עס איז גלייך ווי ער וואָלט געווען חייב מיתה ח"ו, ווייל אויב עס איז אַרויס אַ גזירה אויפ'ן מענטש אַז ער זאָל שטאַרבן ח"ו, איז ווען ער וועט בטל מאַכן די גזירה, דאַרף מען געבן פאַר'ן מלאך המות זיין "כופר" - אויסלייז-געלט. דער מענטש דאַרף זיך פאַרשטעלן, אַז באמת וואָלט מען געדאַרפט טוהן מיט איהם אַלעם וואָס מ'טוט מיט'ן הינדל, און דורך דעם וואָס ער שענקט אַוועק דעם געשחט'ענעם עוף פאַר אָרימעלייט, האָט ער אַ "כופר נפש", און אנשטאָט די "ארבע מיתות בית דין" וואָס מ'האָט געמאַכט אויף דעם עוף, וועט דער מענטש אַרויסגיין צוזאַמען מיט זיין משפחה, לחיים טובים ארוכים ולשלום, אמן.

### כל האוכל ושותה בשביעי - די גרויסע שמחה ביי די סעודה פון ערב יו"כ

**דער** פסוק זאָגט (ויקרא כג, לב) "ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש". איר זאָלט פייניגן אייער קערפּער אין דעם ניינטן טאָג פון חודש תשרי (ערב יום כיפור). פרעגט די גמרא (ר"ה ט.) צו דען פאַסט מען אין ניינטן טאָג פון חודש תשרי? מען פאַסט דאָך דעם צענטן טאָג פון חודש - יום כיפור? ענטפערט די גמרא: "לומר לך", עס קומט דיר צו זאָגן, "כל האוכל ושותה בתשיעי, מעלה עליו הכתוב, כאילו התענה תשיעי ועשירי" - דער מענטש וואָס עסט און טרינקט אין ניינטן טאָג פון חודש, ווערט עס איהם גערעכנט אַזוי ווי ער וואָלט געפאַסט ביידע טעג, דעם ניינטן טאָג פון חודש תשרי, און דעם צענטן טאָג פון חודש[ח].

---

**ח.** דער "ענף יוסף" (אויף "עין יעקב") (יומא פא:) אין נאָמען פונעם "שפת אמת" הקדמון, ברענגט אַז וויבאַלד לגבי מחילת עוונות ווענדט זיך עס מער אין ניינטן טאָג, ווי אין יום כיפור, ווייל ערב יום כיפור דאַרף איין איד זיך איבערבעטן מיט'ן אַנדערן, ווי רבי אלעזר בן עזריה זאָגט (יומא פה:) אַז יום כיפור איז נישט מכפר אויף עבירות שבין אדם לחבירו, ביז מ'בעט איבער דעם חבר. וועגן דעם האָט דער אויבערשטער געגעבן די מצוה צו עסן און טרינקען ערב יום כיפור, ווייל דאָס עסן באַרואיגט און דערפרייט דאָס האַרץ פונעם מענטש. איידער דער מענטש עסט, האָט ער צוויי הערצער: זיין "געוועונליך" האַרץ, און אַ "לב רגז" - אַן אויפגערעגט האַרץ, וואָס אויף דעם זאָגט דער נביא (ישעיה נח, ד) "הן לריב ומצה תצומו", איר האָט געפאַסט זיך צו קריגן איינער מיט'ן אַנדערן. אין דעם טאָג ווען אַ מענטש פאַסט, שטאַרקט זיך דער כח פון די גאַל פונעם מענטש, וואָס פירט איהם צו קריגן זיך מיט אַ צווייטן.

דעריבער האָט דער אויבערשטער באַפוילן צו עסן און טרינקען ערב יום כיפור, ווייל דאָס עסן דערפרייט דעם מענטשן'ס האַרץ אַז ער זאָל זיך איבערבעטן מיט זיין חבר, כדי מ'זאָל אויך קענען מוחל זיין די עבירות שבין אדם למקום אין יום כיפור.

דער מירער ראש ישיבה אין ירושלים, הגאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, האָט זיך געפירט מעורר צו זיין די תלמידים אין ישיבה אין זיינע דרשות פאַר "כל נדרי", וועגן די זהירות וואָס מ'דאַרף זיין געוואָרנט אין ענינים שבין אדם לחבירו. ער האָט געטייטשט דעם פסוק (ש"ב כד, יד) "נפלה נא ביד ה' כי רבים רחמיו, וביד אדם אל אפולה". וועגן די "נפילות" וואָס זענען "ביד ה'" - עבירות שבין אדם למקום, ווייסן מיר דאָך אַז "רבים רחמיו" - דער אויבערשטער איז מוחל, מיט זיין גרויס רחמנות, די עבירות שבין אדם למקום, אין דעם הייליגן טאָג. אָבער "וביד אדם" - ביי די עבירות שבין אדם לחבירו, "אל אפולה" – וועל איך נישט פאַלן, ווייל יום כיפור איז נישט מכפר ביז מ'בעט איבער דעם חבר.

דער גאון בעל "חתם סופר" זי"ע זאָגט (דרשות לש"ש שנת תקנ"ה, יז.) אויף די פסוקים (הושע יד, ב-ג) "שובה ישראל עד ה' אלקיך וגו' קחו עמכם דברים ושובו אל ה'". דער פסוק זאָגט (דברים ד, ד) "ואתם הדבקים ה' אלקיכם חיים כולכם היום". זאָגט דער "חתם סופר", אַז דאָ איז מרומז אַז אויב מ'וויל זיין דבוק אין דעם אויבערשטען - "ואתם הדבקים בה' אלקיכם" - דאַרף מען צוערשט זיין "דבוק" איין איד אין אַנדערן: "חיים כולכם היום".

אויף דעם זאָגט דער נביא הושע: "שובה ישראל עד ה' אלקיך", ערשט דאַרפסטו תשובה טוהן אויף די ענינים שבין אדם לחבירו, וואָס זענען "עד ה' אלקיך" (ווייל מיר ווייסן אַז "עד ולא עד בכלל" (ברכות כו:). ווען דער פסוק זאָגט "עד", איז עס נישט אין דעם כלל פון דעם וועגן וואָס מ'רעדט, נאָר "ביז" דאָרט). ערשט נאָך דעם ווי דער מענטש טוט תשובה אויף די עבירות שבין אדם לחבירו, קען ער מקיים זיין וואָס עס שטייט אין קומענדיגן פסוק: "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'" - תשובה טוהן אויף די עבירות שבין אדם למקום.

אַ חשוב'ער יונגערמאַן, פון די בני עלי', האָט אַ סאַך יאָרן נאָך זיין חתונה, נישט זוכה געווען צו קינדער. ער האָט מתפלל געווען ביי קברי צדיקים, און זיך באַנוצט מיט פאַרשידענע סגולות, אָבער דאָס פּאָרפאָלק איז נישט געהאָלפן געוואָרן.

איין טאָג האָט זיין בני בית געמאַכט אַ חשבון הנפש, צו פאַרשטיין וואָס עס קומט דאָ פאַר, ביז זי האָט זיך דערמאנט אַז אין איר יוגנט, האָט זי אַמאָל געטשעפּעט מיט אַ לערערין (טיטשער) אין שולע, און ווער ווייסט, ס'איז דאָך גאַנץ מעגליך אַז די עוולה, האַלט זיי צוריק פון געבוירן קינדער.

זענען ביידע, דער יונגערמאַן און זיין בני בית, אַריבערגעגאַנגען צו די לערערין, וואו די פרוי האָט זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר איר, דערציילנדיג אַז עס זענען שוין דורכגעגאַנגען מערערע יאָרן פון די חתונה, און זיי זענען נאָך נישט געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער. זי האָט געפרעגט איר געוועזענע לערערין, אויב זי געדענקט אַז זי האָט איר געטשעפּעט, און צו זי קען איר מוחל זיין מיט'ן גאַנצן האַרץ, אויף דעם נאַרישן אויסדרוק וואָס זי האָט דעמאָלטס געמאַכט קעגן איר.

האָט די געוועזענע לערערין איר געזאָגט מיט אַ קרעכץ, אַז זי געדענקט זייער גוט ווי זי האָט איר דעמאָלטס געטשעפּעט, און ליידער, איז דער וואונד נאָך פריש... יעדעס מאָל וואָס זי דערמאנט זיך דערפון, ווערט זי צובראָכן פונדאָסניי, און זי קען איר נישט מוחל זיין. האָט דער יונגערמאַן אַריינגענומען אין דעם ענין עטליכע עסקנים, וועלכע האָבן אויך גערעדט מיט די לערערין, אַז זי זאָל מוחל זיין פאַר איר געוועזענע תלמידה. די לערערין איז אָבער געווען איינגעשפּאַרט, אַז זי קען נישט זאָגן מיט אַ פול מויל אַז זי איז איר באמת מוחל. וואָס זאָל זי טוהן, אַז זי איז נישט אימשטאַנד מוחל צו זיין?... צום סוף, האָט איינער פון די גדולים גערעדט מיט די לערערין, ביז זי האָט געזאָגט "סלחתי" - "כ'בין איר מוחל, מוחל"... ביז אַ יאָר, איז דאָס פּאָרפאָלק געהאָלפן געוואָרן מיט אַ טאָכטער למזל טוב.

פון דער צווייטער זייט, דאַרף מען געדענקען וואָס עס שרייבט דער רמ"א (או"ח סי' תר"ו, ס"א) "והמוחל לא יהא אכזרי מלמחול". דער מענטש וואָס איז געטשעפּעט געוואָרן, טאָר נישט זיין אַן "אכזר" ח"ו, נישט מוחל צו זיין פאַר זיין חבר וואָס האָט מיט איהם געטשעפּעט. אָפט מאָל איז טאַקע זייער שווער מוחל צו זיין, אָבער דער מענטש דאַרף דאָך זיין אַ "מעביר על מדותיו", וואָס אַזאַ איינער האָט אַ פאַרזיכערונג פון די חז"ל (ר"ה יז.) "מעבירין ממנו כל פשעיו". מ'איז איהם מוחל אַלע זיינע עבירות.

עס זענען דאָ מענטשן וואָס זענען זיך מייאש תשובה צו טוהן, טראַכטנדיג אַז דער אויבערשטער וועט סיי-ווי נישט אָננעמען זייער תשובה, ווייל זיי האָבן געטשעפּעט מיט אַ צווייטן, וואָס אויף דעם העלפט נישט תשובה ביז מ'בעט איבער דעם וועמען מ'האָט געטשעפּעט, און צוליב פאַרשידענע סיבות, איז שווער פאַר זיי איבערצובעטן יענעם, און אַזוי זענען זיי זיך מייאש פון תשובה.

זאָגט אויף דעם דער "סידורו של שבת" (ח"א, השורש השישי, ענף ב') שטאַרקע ווערטער פון חיזוק. ער ברענגט פון ספה"ק "חובות הלבבות" (שער התשובה, פ"י) אַז דאָס איז באמת נישט ריכטיג, ווייל יעדער חטא בין אדם לחבירו אַנטהאַלט צוויי טיילן: א) דעם חלק פון בין אדם לחבירו, און ב) אַ חלק פון בין אדם למקום, ווייל ווען ער האָט געטשעפּעט מיט זיין חבר, האָט ער דאָך אויך עובר געווען אויף דעם ציווי פון דעם אויבערשטען, און ער נויטיגט זיך אין אַ כפּרה אויף ביידע חלקים.

גיט איהם דער "חובות הלבבות" אַן עצה, ער זאָל תשובה טוהן לויט זיינע כוחות אויף דעם חלק וואָס ער האָט געזינדיגט קעגן דעם אויבערשטען. וויבאַלד ער טוט תשובה מיט'ן גאַנצן האַרץ, און דער אויבערשטער וועט איהם מוחל זיין אויף "זיין" חלק, וועט דער אויבערשטער טוהן מיט איהם אַ חסד, און ער וועט אַריינגעבן אין האַרץ פון דעם מענטש וועמען ער האָט געטשעפּעט, ער זאָל איהם מוחל זיין די עוולה וואָס איז באַגאַנגען קעגן אים. אַזוי ווערן בטל ביידע חלקים פון די עבירה: סיי דער חלק "בין אדם לחבירו", סיי דער חלק "בין אדם למקום".

אויף דעם זאָגט דער פסוק (תהלים קיח, כג) "מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו". "נפלאת" איז פון לשון "צוגעדעקט". אויך דאָס וואָס איז "צוגעדעקט", דאָס מיינט, אַז דער מענטש זעהט נישט ווי אַזוי ער קען תשובה טוהן אויף אַן עבירה שבין אדם לחבירו, קען ער אָבער, דורך אמת'ע תשובה אויף דעם חלק פון "בין אדם למקום", זוכה זיין אַז דער געטשעפּעטער זאָל איהם מוחל זיין.

די חז"ל זאָגן, אַז יום כיפּור איז מען נישט מוחל אויף עבירות שבין אדם לחבירו "עד שירצה את חבירו", ביז ער וועט איבערבעטן זיין חבר.

**דער** לבוש (סי' תר"ד סק"א) זאָגט אַ טעם פאַרוואָס די תורה זאָגט אַ לשון "עניתם" - פייניגונג, און נישט "ואכלתם" - איר זאָלט עסן (אויב די משמעות פון פסוק איז אַז מ'דאַרף עסן ערב יום כיפור), ווייל די חז"ל זאָגן (אבות פ"ה, מכ"ג) "לפום צערא אגרא" - לויט ווי שווער עס קומט אָן פאַר'ן מענטש מקיים צו זיין אַ מצוה, אַזוי פיל שכר באַקומט ער דערפאַר. וועגן דעם איז דער שכר פאַר די מצוה וואָס ווערט געמאַכט מיט מיה און פלאָגעניש, אַ סאַך גרעסער ווי דער שכר פאַר די מצוה וואָס מ'דאַרף זיך נישט פלאָגן דערפאַר. כדי צו פאַרמערן דעם שכר פון אידישע קינדער, האָט דער אויבערשטער פאַר זיי גערעכנט די מצוה פון עסן, ווי עס וואָלט געקומען אויף אַן אופן פון פייניגונג ("ועניתם")[ט].

**דער** מיטעלער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע, האָט געזאָגט א טעם אויף די מצוה מן התורה

---

אין דעם כלל פון "עד שירצה את חבירו", גייט אַריין די אויפפירונג בכלל צווישן איין מענטש און צווייטן. מ'זאָל זעהן צו טוהן חסד איינער מיט'ן אַנדערן.

עס שטייט אין ספר "חוט המשולש", אַז אַן איידעם פונעם "חתם סופר" זצ"ל האָט אַמאָל ערב יום כיפור געקלאַפּט אויף זיין טיר אינמיטן די סעודה פון ערב יום הקדוש, און ווי נאר ער האט געעפענט דיטיר ער איז געפאַלן צו דער ערד. ווען מ'האָט איהם געפרעגט וואָס עס האָט פאַסירט, האָט דער איידעם געענטפערט, אַז ער האָט זיך דערשראָקן, ווייל ער האָט יעצט געזעהן אליהו הנביא ביי זיין שווער!

די מענטשן פון דער חברה קדישא אין פרעשבורג, האָבן געהאַט אַ חזקה אַהיימצובאַגלייטן דעם "חתם סופר" נאָך די מקוה ערב יום הקדוש, און איינער פון זיי האָט שפּעטער דערציילט פאַר'ן פרעשבורגער רב, הגאון רבי עקיבא סופר זצ"ל (בעל "דעת סופר"), אַז מ'האָט דאַן נישט געקענט קוקן אויף די הייליגע צורה פונעם "חתם סופר"!

און פונדעסטוועגן, איז ידוע די מעשה, אַז אַ קורצע צייט פאַר'ן זמן פון כניסת היום, האָט דער "חתם סופר" גערופן צו זיך זיין טאָכטער, וועגן אַ שידוך צווישן צוויי צובראָכענע מענטשן, וואָס ער האָט געוואָלט אַז זי זאָל אָנטראָגן דעם שידוך נאָך פאַר יום טוב. ווען די טאָכטער האָט געזאָגט אַז מ'וועט עס שוין נישט קענען ענדיגן פאַר יום כיפור, האָט דער "חתם סופר" געזאָגט צו איר:

- פונדעסטוועגן, זאָלסטו זיך משתדל זיין דערויף, ווייל מיר נויטיגן זיך אין אַ זכות צום יום הדין.

וואָס מיר דארפן זיך אפלערנען פון דעם - אַז דער גרויסער און הייליגער "חתם סופר", וואָס ער האָט זוכה געווען צו זעהן אליהו הנביא ביי די סעודה ערב יום הקדוש, און זיין הייליגן פנים האָט געפלאַמט ווען ער איז צוריקגעקומען פון די מקוה, מרוב קדושת היום, האָט געזוכט אַ זכות צום יום הדין, דורך מחזק זיין צוויי צובראָכענע נפשות, אַז מ'וועט פאַר זיי רעדן אַ שידוך נאָך פאַר יום טוב, כדי זיי זאָלן צוגיין צום יום הדין מיט אַ פרייליך האַרץ

**ט.** עס איז באַקאַנט וואָס דער טור (או"ח סי' תר"ד) ברענגט אין נאָמען פון מדרש, אַ מעשה מיט'ן הויפּט "שוטר" (דער שר) פון דער שטאָט, וואָס האָט באַפוילן פאַר זיין קנעכט ער זאָל גיין קויפן פאַר איהם פיש. אין געשעפט איז אָבער געווען בלויז איין פיש, און דער קנעכט פונעם שר האָט באַצאָלט פאַר דעם פיש, אַ גאָלדן רענדל. בשעת מעשה, איז דאָרט געשטאַנען אַ אידישער שניידער, וועלכער האָט אָנגעבאָטן פאַר זעלבן פיש, פינף גאָלדענע רענדלעך, און ער האָט טאַקע געקויפט דעם פיש.

ווען דער שר האָט געהערט פון זיין קנעכט וואָס דאָ האָט פאַסירט, האָט ער געלאָזט רופן דעם שניידער, און איהם געפרעגט וואָס עס איז זיין באַשעפטיגונג. האָט ער געענטפערט, אַז ער אַרבעט אַלס אַ שניידער. האָט דער שר איהם געפרעגט, "פאַרוואָס האָסטו געקויפט אַ פיש וואָס קאָסט איין רענדל, פאַר פינף רענדלעך, און דו האָסט עס נאָך צוגענומען ביי מיין קנעכט, וואָס איך האָב איהם געשיקט ער זאָל פאַר מיר קויפן דעם פיש?". האָט דער שניידער געענטפערט:

- ווי אַזוי זאָל איך נישט קויפן דעם פיש, אַפילו אויב איך דאַרף אויסגעבן דערפאַר צען רענדלעך? דער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן צו עסן אַ סעודה ערב יום כיפור, און מיר זענען פאַרזיכערט אַז דער אויבערשטער וועט מוחל זיין אונזערע עבֵרות.

האָט דער שר איהם געזאָגט: "אויב אַזוי, האָסטו גוט געטוהן", און ער האָט איהם אָפּגעזעגנט.

צו עסן אַ סעודה ערב יום כיפור, ווייל ס'איז די טבע פון די מענטשן'ס קערפּער, אַז ווען ער פאַסט, ווערט וויינינגער דאָס פעטס און בלוט וואָס ווערט געשאַפן פון די מאכלים וואָס ער האָט געגעסן אַ טאָג פריער, ווי מיר זאָגן ביי יעדן תענית (עי' ברכות יז.) "שיהא מיעוט חלבי ודמי שנתמעט היום, כחלב מונח על גבי המזבח לפניך, ותרצני". די פאַרמינערונג פון מיין פעטס און בלוט וואָס איז היינט פאַרמינערט געוואָרן (ווען איך האָב געפאַסט) זאָל זיין חשוב ביי דעם אויבערשטען אַזוי ווי דאָס פעטס וואָס מ'האָט מקריב געווען אויפ'ן מזבח, און ער זאָל מיר מוחל זיין.

**זאָגט** דער מיטעלער בעלזער רב זי"ע, אַז צוליב דעם האָט דער אויבערשטער באַפוילן אַלס אַ מצוה צו עסן ערב יום כיפור, ווייל אויב עס וואָלט נאָר געווען אַ רשות, וואָלט עס נישט געקענט גערעכנט ווערן אַלס אַ קרבן. וועגן דעם האָט די תורה באַפוילן צו עסן אין ניינטן טאָג פון חודש תשרי, כדי דאָס פעטס און דאָס בלוט זאָל געשאַפן ווערן פון אַ "סעודת מצוה", און דעמאָלטס וועט עס גערעכנט ווערן (דורכ'ן תענית) גלייך ווי מ'האָט מקריב געווען "מצוה'דיגע" חלב און דם אויפ'ן מזבח.

**לויט** די ווערטער פון בעלזער רב, האָט זיין זוהן, הרה"ק רבי ישכר דוב זי"ע מבעלז, געטייטשט די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין פיוט פון ערב יום כיפור: "ירצה צום עמך אשר דמו לך מזה, חשוב חלבו כבעל זבח וקרבנו אַל תבזה, חתום עליו אות חיים ותפלתו תחזה, מחר יהיה האות הזה". וויבאַלד דאָס פאַסטן אין יום כיפור ווערט גערעכנט ווי מ'ברענגט אַ קרבן און מ'שפּריצט זיין בלוט אויף דעם מזבח, בעטן מיר פון דעם אויבערשטען: "חשוב חלבו כבעל זבח" - דער חלב וואָס וועט פאַרמינערט ווערן דורכ'ן תענית, זאָל פאַר אונז גערעכנט ווערן אַזוי ווי אַ קרבן. "וקרבנו" - און דער מאָרגנדיגער קרבן פון פאַסטן, "אַל תבזה" - זאָלסטו נישט פאַרשעמען. עס זאָלן אַרויפגיין לריח ניחוח פאַר דעם אויבערשטען, דער תענית און די תפלות וואָס מיר זענען מתפלל אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור.

**דער** של"ה הקדוש (מס' יומא, תורה אור, אות קלד) ברענגט דאָס הייליגע לשון (וואָס ער באַצייכנט אַלס "לשון האלקי")

---

די זעלבע מעשה ווערט געברענגט אויך אין "בית יוסף", וועלכער געבט צו, אַז דער מדרש (ב"ר פי"א, ד) פּירט אויס די מעשה, אַז דער אויבערשטער האָט באַצאָלט דעם שניידער, אַז ווען ער האָט געעפנט דעם פיש, האָט ער דאָרט געטראָפן אַ טייערן דיאַמאַנטן שטיין, פון וועלכן ער האָט געהאַט פרנסה בריווח זיין גאַנץ לעבן.

צדיקים האָבן געזאָגט, אַז פון דעם דערמאנטן סיום פון די מעשה לערנען מיר, אַז די סעודה פון ערב יום כיפור איז מסוגל אַז דער מענטש זאָל האָבן פרנסה בריווח זיין גאַנץ לעבן.

עס איז כדאי צו ברענגען דאָ, וואָס דער "פרישה" שרייבט וועגן די דערמאנטע מעשה, (או"ח סי' תר"ד סק"ה) אַז ס'איז מוכרח צו זאָגן אַז דער שניידער איז אָנגעקומען אינעם פיש-געשעפט, ממש אין די זעלבע סעקונדע ווען דער קנעכט פונעם שר איז אָנגעקומען אַהין, ווייל אויב ער וואָלט אָנגעקומען שפּעטער, וואָלט דער ערליכער שניידער זיכער נישט עובר געווען אויף הסגת גבול, צוצו'גזל'ען דעם פיש ביי דעם קנעכט, בלויז דערפאַר ווייל דער אויבערשטער האָט געהייסן עסן אַ סעודה ערב יום כיפור.

פון דעם לערנען מיר טאַקע, אַז כאָטש מ'דאַרף זעהן צו טוהן השתדלות מקיים צו זיין יעדן אידישן מנהג, וואָס אַלע מנהגים האָבן דאָך אַ הייליגן מקור, פונדעסטוועגן, דאַרף מען זיין זייער געוואָרנט נישט צו פאַרגעסן פונעם עיקר, און חלילה נישט געשטרויכלט ווערן מיט השגת גבול אָדער אַן אַנדערע עבירה שבין אדם לחבירו, און טראַכטן ביי זיך, "איך בין דאָך יעצט מקיים זיין אַ מנהג ישראל"...

**י.** עס איז פאַרשטענדליך, אַז די סעודות ערב יום כיפור, דאַרפן געפּראַוועט ווערן בקדושה ובטהרה, ווייל מ'גייט עס דאָך מאָרגן, יום כיפור, מקריב זיין אַלס אַ קרבן.

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, האָט געזאָגט, אַז ווען מ'עסט די סעודות ערב יום כיפור, דאַרף מען זיך פאָרשטעלן אַזוי ווי ווען איינער וויל אויסלערנען אַ "זולל וסובא" (אַ מענטש וואָס זויפט און פרעסט...) צו עסן ווי אַ מענטש, האָט מען איהם אַוועקגעזעצט פאַרנט פון אַ לייב, ווייל ווען ער זיצט נעבן אַ לייב, דאַרף ער דאָך אַכטונג געבן, וועגן און מעסטן אַלע זיינע באַוועגונגען. אָט אַזוי דאַרף אויסזעהן די סעודה פון יעדן איד ערב יום כיפור.

פון הגה"ק רבי משה קורדובארו זי"ע, אין ספר "עבודת יום כיפורים", אַ טעם פאַרוואָס מיר זענען מצווה ערב יום כיפור צו עסן אַ סעודה, ווייל אין עצם טאָג פון יום הקדוש, קען מען דאָך נישט זיין בשמחה, ווייל מ'איז באַזאָרגט צוליב די עבירות.

"**ועיני** כל ישראל הם תלויין לאביהם שבשמים", און די אויגן פון אַלע אידן זענען אָנגעהאָנגען צום גרויסן טאַטן אין הימל (ער זאָל מוחל זיין אונזערע עבירות). וועגן דעם האָט די תורה באַפוילן צו עסן אַ טאָג פריער, כדי מ'זאָל זיין בשמחה, און אַזוי וועט אָנגענומען ווערן דער תענית אין יום כיפור. דער "עינוי" פון יום כיפור, איז נישט באַוויליגט פאַר דעם אויבערשטען, אויב דער מענטש איז באַזאָרגט און פאַר'דאגה'ט, אָבער אויב ער איז פרייליך ערב יום כיפור, נעמט אָן דער אויבערשטער זיין תענית אין יום כיפור.

**קומט** אויס פון די ווערטער פון רמ"ק, אַז די שמחה פון ערב יום כיפור איז אַ "מעין" פון די תשובה וואָס מיר טוען אין יום כיפור.

**ענדליך** שרייבט דער רבינו יונה ז"ל, אין "שערי תשובה" (שער ד, אות ח) אַז צוליב דעם זאָגן די חז"ל (ר"ה ט.) אַז דער מענטש וואָס עסט און טרינקט ערב יום כיפור, ווערט איהם גערעכנט ווי ער וואָלט באַפוילן געוואָרן צו פאַסטן דעם ניינטן טאָג און דעם צענטן טאָג און ער האָט געפאַסט, ווייל ער האָט געוויזן אַז ער פרייט זיך אין די צייט ווען ער איז זוכה צו מחילת עוונות, און דאָס וועט דינען אַלס אַן עדות, אַז ער איז באַזאָרגט איבער זיינע עבירות.

**נאָך** אַ טעם שרייבט דער רבינו יונה ז"ל (שם, אות ט) ווייל די אַנדערע ימים טובים פראַוועט מיר סעודות צוליב די שמחה פון די מצוה, ווייל גרוים איז דער שכר פון שמחה פאַר אַ מצוה, ווי דער פסוק זאָגט (דה"א כט, יז) "ועתה עמך הנמצאו פה, ראיתי בשמחה להתנדב לך". אויך זאָגט דער פסוק (דברים כח, מז) "תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב". וויבאַלד מיר פאַסטן אין יום כיפור, זענען מיר באַפוילן געוואָרן צו עסן אַ סעודה ערב יום כיפור, פאַר די שמחה פון די מצוה.

**אַזוי** שרייבט דער "בית אהרן" (קלא:) "רק בשמחה ובישוב הדעת, כי על ידי שמחה המח מזוכך, ועיקר התשובה על ידי מוח זך". מ'דאַרף עס טוהן בשמחה און מיט ישוב הדעת, ווייל דורך שמחה ווערט דער מוח ריין, און דער עיקר פון תשובה איז ווען דער מח איז ריין, עכל"ק[יא].

**שלא אכעוס היום - אַכטונג געבן פון ח"ו אַריינפאַלן אין כעס ערב יום כיפור**

**וועגן** די מצוה צו עסן אַ סעודה ערב יום כיפור, זאָגט דער "שפת אמת" (יו"כ תרס"ב) אַז מיר פראַוועז אַ סעודה ערב יום כיפור, ווייל אידן האָבן נישט נאָך אַזאַ יום טוב ווי יום כיפור, ווען די צווייטע לוחות זענען געגעבן געוואָרן צו משה רבינו ע"ה (תענית כו: "לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכיפורים" וכו'). און וויבאַלד יום כיפור קען מען דאָך נישט עסן, איז מען מקדים פריער אַ סעודה.

**זאָגט** דער "שפת אמת", אַז מ'קען זאָגן אַז דער הויפט טעם פאַרוואָס די אידן האָבן זוכה געווען צו באַקומען די לוחות אחרונות אין יום כיפור, איז געווען צוליב די תשובה וואָס זיי האָבן געטוהן ערב יום כיפור, ווייל ביי די ערשטע לוחות, האָט דער שטן זיי געמאַכט זינדיגן כדי זיי זאָלן נישט זוכה זיין צו די לוחות אין דעם לעצטן טאָג ווען משה רבינו ע"ה האָט געדאַרפט אַראָפּקומען פון באַרג.

"**ובוודאי** גם באחרונות עמד השטן בכל כחו לעכב אותן ולהחטיאן, ואבותינו גברו עליו". עס איז זיכער אַז אויך ווען משה רבינו ע"ה האָט געדאַרפט באקומען די צווייטע לוחות, האָט דער שטן זיך פאַרלייגט מיט אַלע זיינע כוחות צו מאַכן די אידן זינדיגן, כדי זיי זאָלן נישט קענען באַקומען די צווייטע לוחות, אָבער אונזערע עלטערן האָבן זיך געשטאַרקט איבער איהם (מיט די תשובה וואָס זיי האָבן געטוהן). "ועיקר בעל תשובה

---

**יא.** שמחה ברענגט אויך המתקת הדינים, ווי צדיקים האָבן געזאָגט בדרך רמז אויף דעם פסוק (תהלים מז, ז) "זמרו אלקים זמרו". דאָס וואָרט "זמרו", איז פון לשון פאַרשניידן (אַזוי ווי "זמר עריצים"). דאָס איז אַ רמז, אַז דורך דעם זמר (דער ניגון וואָס דערפרייט דאָס האַרץ פון מענטש) קען מען צושניידן די מדת הדין, וואָס איז מרומז אין שם אלקים.

באותו מקום ובאותו הזמן". דער עיקר פון תשובה איז אין יענעם אָרט, און אין יענע צייט. און ווייבאַלד די אידן האָבן זיך געהאַלטן פעסט קעגן דעם שטן, האָבן זיי זוכה געווען צו טוהן תשובה בשלימות, און אַזוי האָבן זיי געקענט באַקומען די צווייטע לוחות.

"ולכן איתא שהשטן מתגבר בערב יום כיפור, לפי שהיטב חרה לו על שנצחו אותו ביום הזה", און וועגן דעם שטייט אין די חז"ל אַז דער שטן שטאַרקט זיך ערב יום כיפור צו מאכן מענטשן זינדיגן ח"ו, ווייל עס האָט איהם זייער פאַרדראָסן אַז די אידן האָבן איהם באַזיגט אין דעם טאָג, עכל"ק.

**איינע** פון די עבירות מיט וועלכע דער שטן פּרובירט מיט אַלע כוחות מכשיל צו זיין אידישע קינדער ח"ו, טאַקע אין דער צייט, יום כיפור און אַ טאָג פריער - ערב יום כיפור, איז, אַז זיי זאָלן ח"ו אַריינפאַלן אין כעס, וואָס כעס איז אַזוי האַרב ווי עבודה זרה, ווי די חז"ל זאָגן (שבת קה:) אַז איינער וואָס צערייסט זיין קלייד אָדער ער צעברעכט אַ כלי, אָדער ער צעוואַרפט געלט, ווען ער איז אין כעס, איז גלייך ווי ער וואָלט געדינט די עבודה זרה. דעריבער, דאַרף מען אין די טעג אַנטלויפן מיט אַלע כוחות, פון די שרעקליכע מדה פון כעס[יב].

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער צל"ח זצ"ל (דרושי הצל"ח, שבת שובה, דרוש כד, אות יב): "והנה מעשה שטן ביום הקדוש ערב יום הכיפורים רובן באין לידי כעס עבור דבר שטות". ליידער איז דער שטן מצליח אין דעם הייליגן טאָג פון ערב יום כיפור, אַריינצוברענגען רוב מענטשן אין כעס, צוליב אַ נאַרישקייט. "וגם הנר אינו צריך" - און מען דאַרף נישט דאָס ליכטל, וואָס ער יאָגט זיך מיט'ן "נר חיים" אין האַנט, כדי עס אָנצוצינדן אין שוהל, (ווי ס'איז דער מנהג, פאַר אַ גוטן סימן - רמ"א או"ח סי' תר"י ס"ד). "שכבר הגדיל המדורה מדורת גיהנום", ווייל ער האָט שוין ליידער אָנגעצונדן אַ גרויסן פלאַקער אין דעם גיהנום, "שכל הכועס, כל מיני גיהנום שולטין בו", ווייל דער מענטש וואָס איז אין כעס, געוועלטיגן אויף איהם אַלע סאָרטן גיהנום רח"ל, עכ"ל.

**דער** צל"ח מיינט צו זאָגן, אַז דער מענטש וואָס האָט זיך געבייזערט, האָט שוין "אָנגעצונדן" אַ "פלאַם

---

**יב.** אויך דאַרף מען זייער זייער געוואָרנט נישט אַרומצוגיין אין דעם טאָג, מיט אַ "פאַרזויערט פּנים", ווי מיר האָבן שוין דערציילט, אַז הגאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל האָט אַמאָל ערב יום כיפור געזעהן ווי אַ איד גייט אויף די גאַס מיט אַ "פאַרכמאַרעט" פּנים און אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, צוליב זיין התמרמרות אויף זיינע עבירות. יענער האָט פּשוט "געוואָרפן" אַ צובראָכנקייט אויפ'ן גאַנצן אַרום... האָט רבי ישראל סאַלאַנטער איהם געזאָגט מיט אַ שמייכל:

- וואָס איז די גאַנצע וועלט שולדיג, אַז דו האָסט געזינדיגט?!...

אדרבה, מ'דאַרף זיך אָנגאַרטלען מיט די מדה פון סבלנות, צו האָבן געדולד פאַר אַנדערע מענטשן.

אַ איד וואָס איז בטבע געווען אַ "פּגע" ביים רעדן מיט אַנדערע מענטשן, איז אַמאָל ערב יום כיפּור פאַרנאַכטס, צוגעקומען צום באָיאַנער רבי'ן, הרה"ק רבי מרדכי שלמה זי"ע, און ער האָט גערעדט צום רבי'ן, און גערעדט, און גערעדט... דער באָיאַנער רבי האָט איהם אויסגעהערט געדולדיג. ווען יענער איז אַרויס פון הויז, האָבן די שטוב מענטשן געפרעגט דעם באָיאַנער רבי'ן, צו יענער האָט נישט געטראָפן אַ בעסערע צייט צו רעדן זיינע נאַרישע רייד, נאָר אין די יעצטיגע מינוטן, פאַר "כל נדרי".

האָט דער באָיאַנער רבי זיי געענטפערט מיט די ווערטער פון רמב"ן ז"ל וואָס ער שרייבט אין זיין באַקאַנטן בריוו: "תתנהג לדבר כל דבריך בנחת לכל אדם, ובכל עת". דו זאָלסט זיך פירן צו רעדן אין אַ רואיגן טאָן, מיט יעדן איינעם, און אין יעדע צייט. און דער רבי האָט צוגעלייגט: "לכל אדם" מיינט, מיט יעדן איינעם, אַפילו אַזאַ "פּגע" ווי יענער... "ובכל עת" - אַפילו אין אַ צייט ווי יעצט, ערב יום כיפור פאַרנאַכטס!...

הרה"ק רבי יחזקאל'ע קוזמירער זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע חסידים:

- וויסן זאָלט איר, אַז אויב אַ איד יאָגט זיך אין שוהל אַריין ערב יום כיפור פאַרנאַכטס צו 'כל נדרי', און גייענדיג קומט צו איהם אַ איד און ער וויל אויסגיסן פאַר איהם זיין ביטער האַרץ וועגן די צרות וואָס ער ליידט נעבעך, טאָר ער נישט איבערלאָזן יענעם און לויפן צו 'כל נדרי', ווייל דער גאַנצער תכלית פון 'כל נדרי', און פון יום הקדוש בכלל, איז דאָך צו טוהן תשובה שלימה, און תשובה שלימה מיינט, מקיים צו זיין 'ואהבת לרעך כמוך' בהידור...

פייער" רח"ל מיט זיין כעס, און ער דאַרף שוין נישט "אָנצינדן" אַ ליכטל...

**כי גדול יום ה' - די גרויסקייט פונעם עצם טאָג יום הקדוש**

**דער** פסוק זאָגט (יואל ב, יא) "כי גדול יום ה' ונורא מאד, ומי יכילנו". ווי גרויס און מורא'דיג איז דער טאָג פון דעם אויבערשטען, און ווער קען דאָס אויסהאַלטן (אַזוי טייטשן בפשטות, דער רד"ק און "מצודות" דאָרט). זאָגן די חז"ל (תנחומא פ' וישלח, ב) אַז דער פסוק רעדט וועגן דעם טאָג פון יום כיפור, און די ווערטער "ומי יכילנו" לערנען אונז, אַז דער מענטש קען נישט משיג זיין די גרויסקייט פון דעם טאָג. עס איז גאָר פאַרכטיג און מורא'דיג[יג], העכער פון יעדע השגה[יד].

**הרה"ק** רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע האָט געזאָגט, דער שכל פונעם מענטש איז צו-קורץ צו פאַרשטיין די גרויסקייט פון אַ מלאך, און אַוודאי קענען מיר נישט משיג זיין דעם כסא הכבוד, אָבער מיר ווייסן אַז נעבן דעם כסא הכבוד שטייען די הייליגע מלאכים, און דינען דעם אויבערשטער באימה, ביראה, ברתת ובזיעה.

**זאָגט** ער, אין דעם הייליגן טאָג פון יום כיפור, ברענגט דער אויבערשטער אַראָפּ זיין כבוד אויף דער וועלט, און דעמאָלטס ווערט יעדער איד אַזוי ווי אַ מלאך, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא טז, ל) "לפני ה' תטהרו". מיר געפינען זיך אין דער בחינה פון "לפני ה'" ממש. וועגן דעם זאָגט מען יום כיפור הויך אויפ'ן קול "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", אַזוי ווי די מלאכים זאָגן הויך די ווערטער.

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער "חתם סופר" (דרשות, ח"ב שסט:) אַז דער תענית פון יום כיפור איז נישט צו פייניגן דעם נפש און מצער זיין אידישע קינדער ח"ו, "כי אם מחמת קדושה וקריבות ודביקות כמלאכי השרת", נאָר צוליב די הייליגקייט פון די אידן, וואָס זיי זענען דעמאָלטס נאָנט און דבוק אין די הייליגע שכינה, אַזוי ווי די מלאכים וואָס דינען דעם אויבערשטען אין הימל, און פונקט ווי די ערשטע און צווייטע פערציג טעג וואָס משה רבינו ע"ה איז געווען אויפ'ן באַרג, וואָס "לחם לא אכל ומים לא שתה", צוליב דביקות אין דעם אויבערשטען, ווען ער האָט נהנה געווען מזיו השכינה.

---

**יג.** הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע האָט נאָכגעזאָגט, אין נאָמען פון שינאָווער רב זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט, ווי אַזוי קען מען מאַכן די ברכה "שהחיינו" יום כיפור (ביי "כל נדרי"), עס הערשט דאָך אַ גרויסער פחד, ווי אַזוי קען אַ בשר ודם דאַנקען דעם אויבערשטען, ווען ער שטייט אין אַזאַ פאַרכטיגן מצב?

האָט ער געענטפערט, אַז וויבאַלד דער אויבערשטער רייניגט אידישע קינדער פון אַלע זייערע עבירות, און יעדער מענטש ווערט ווי אַ נייע באַשעפעניש אין דעם הייליגן טאָג, וועגן דעם קען מען מאַכן די ברכה "שהחיינו", ווייל מ'ווערט דעמאָלטס באַשאַפן פונדאָסניי.

עס שטייט אין ספה"ק "בני יששכר" (תשרי, מאמר ח') אַ טעם פאַרוואָס די מסכתא וואו עס רעדט זיך וועגן די הלכות פון יום כיפור, ווערט גערופן "מסכת יומא", און נישט "מסכת יום הכיפורים", ווי די אַנדערע מסכתות פון סדר מועד, ווי שבת, ראש השנה, פסחים, סוכה. זאָגט דער "בני יששכר", אַז דאָס קומט צו לערנען אונז, אַז די קדושה פון יום כיפור איז "למעלה מן הזמן", עס איז נישט אונטער די ראַמען פון אַ "צייט". וועגן דעם האָבן ערליכע אידן זיך געפירט, נישט צו דערמאַנען דעם נאָמען "יום כיפור" סתם אַזוי, נאָר ווען מ'דאַרף רעדן וועגן דעם טאָג, רופט מען עס "יום הקדוש" - דער הייליגער טאָג, ע"כ.

**יד.** מיר קענען זיך נישט פאָרשטעלן וויפיל רחמים עס ווערט נתעורר אין דעם טאָג פון יום הקדוש, ווי דער של"ה הקדוש זאָגט אַ טעם פאַרוואָס עס קומט כרת פאַר חילול יום כיפור במזיד, און נישט סקילה ווי ביי חילול שבת, ווייל אין דעם טאָג פון יום כיפור ווערן נתעורר אַ סאַך רחמים. צוליב דעם איז אויך דער עונש נמתק געוואָרן, עס זאָל זיין לייכטער ווי פאַר חילול שבת.

ווען מ'באַטראַכט זיך אין די ווערטער פונעם של"ה, זעהט מען דאָ אַ מורא'דיגע זאַך. דער מענטש וואָס באַקומט דעם עונש, האָט דאָך נישט אַ שייכות מיט יום כיפור. אדרבה, ער איז מחלל יום כיפור במזיד רח"ל, אָבער פונדעסטוועגן, באַקומט ער אַ לייכטערע שטראָף ווי פאַר חילול שבת, ווייל דער טאָג איז מעורר רחמים אויף פאַר אַזאַ איינעם וואָס פאַרשוועכט די הייליגקייט פונעם טאָג, און ער טוט אַ מלאכה, אָדער ער איז עובר אויף די פינף עינויים.

אין דער זעלבער מדרגה, זענען אידן יום כיפור! און דאָס וואָס דער פסוק זאָגט (ויקרא טז, כט) "תענו את נפשותיכם", איז נישט אַ לשון "עינוי" (פייניגן זיך) נאָר אַ לשון פון התעוררות...

**דער** פסוק זאָגט (ויקרא טז, ב) "ואל יבא בכל עת אל הקודש". דער כהן גדול טאָר נישט אַריינקומען אין קודש הקדשים, "בכל עת" - אין יעדע צייט.

**פרעגט** דאָרט דער "כלי יקר" (ד"ה "ואל יבא"), די ווערטער "בכל עת" זענען לכאורה נישט פאַרשטענדליך, ווייל פון דעם איז משמע אַז ער זאָל נישט אַריינקומען אין יעדע צייט, נאָר פון צייט צו צייט. אָבער באמת האָט דאָך דער כהן גדול קיינמאָל נישט געטאָרט אַריינקומען אין קודש הקדשים, נאָר איינמאָל אַ יאָר, אין יום כיפור?

**ענטפערט** דער "כלי יקר": "כי ביום הכיפורים נמשלו כל ישראל ביום ההוא למלאכי השרת, שהם למעלה מן הזמן, ואין הזמן שולט בהם". ווייל אין יום כיפור, זענען אַלע אידן צוגעגליכנט צו די מלאכים אין הימל, וואָס זיי זענען העכער פון צייט, און די צייט האָט נישט קיין שליטה אויף די מלאכים. וועגן דעם איז דער הייליגער טאָג גלייך ווי עס איז אינגאַנצן נישט אונטער דעם כלל פון צייט. ווייל אַלע טעג פון יאָר זענען אין כלל פון "צייט", אויסער דער טאָג פון יום כיפור וכו'. יום כיפור, שטייט באַזונדער פאַר זיך, ער איז אָפּגעטיילט פון אַלע אַנדערע טעג פון יאָר.

**און** אויף דעם זאָגט דער פסוק, "ואל יבא בכל עת", דער כהן גדול טאָר טאַקע נישט אַריינקומען אין קודש הקדשים אין אַ טאָג וואָס איז אינעם גדר פון "עת" - צייט... "כי אם ביום שאינו בכלל עת", נאָר אין אַ טאָג וואָס איז נישט אינעם כלל פון "צייט". און דאָס איז אין דעם טאָג ווען דער אויבערשטער איז מוחל די עבירות פון אידישע קינדער, וואָס זיי זענען דעמאָלטס ווי די מלאכים. זיי פאַלן נישט אַרונטער אונטער די צייט, און עס איז נישט אין כלל פון די אַנדערע טעג פונעם יאָר, עכ"ל.

**עס** ווערט געברענגט אין "באר היטב" (סי' תרי"ט, סק"ד) אַז עס איז איינגעפירט זיך אַרומצוואַוויקלען מיט'ן טלית ערב יום כיפור מבעוד יום, און מאַכן אַ ברכה אויפ'ן טלית און אַזוי שרייבט דער אריז"ל. אָבער אויב מ'האָט אָנגעטוהן דעם טלית ערשט ביינאַכט, מאַכט מען נישט אַ ברכה אויפ'ן טלית, עיי"ש.

**שרייבט** אויף דעם, דער רמח"ל זצ"ל, אין זיין ספר "קיצור הכוונות" (סדר יום הכיפורים) אַז דערפאַר מאַכט מען נישט אַ ברכה אויב מ'טוט אָן דעם טלית ביינאַכט, "כי בשעת שקיעת החמה של יום הקדוש, פורס קודשא בריך הוא טלית על כל כלל ישראל" - ווייל אין דער צייט ווען די זון גייט אונטער אין דעם הייליגן טאָג (ערב יום כיפור) שפרייט אויס דער אויבערשטער אַ "טלית" אויף אַלע אידן. און מיט זיין חסד, באַהאַלט ער אונז אין זיין שאָטן, אונטער די פליגל פון די שכינה. און וויבאַלד דאָס געשעט פון זיך אַליין, מאַכט מען נישט אַ ברכה אויפ'ן טלית יום כיפור ביינאַכט.

**דער** "חתם סופר" זאָגט (דרשות, ח"א, עמ' טז, טור ב) אַז אויך דער גוף פון יעדן איד, ווערט געהייליגט אין דעם טאָג פון יום כיפור. דער "חתם סופר" ברענגט אַ ראיה פון די גמרא (יומא פב.) אַז אויב אַ מעוברת האָט יום כיפור געשמעקט אַ מאכל און עס האָט זיך איר פאַרגליסט צו עסן, געבט מען איר צו עסן ביז זי ווערט באַרואיגט.

**זאָגט** דאָרט די גמרא, אַז אַ פרוי וואָס האָט געשמעקט אין יום כיפור, האָט מען געהייסן ערשט צו איינרוימען אין איר אויער אַז היינט איז יום כיפור, מעגליך אַז ווען זי וועט הערן אַז עס איז יום כיפור, וועט זי מער נישט וועלן עסן. אויב זי וועט זיך נאָך אלס נישט באַרואיגט, דאַרף מען איר יאָ געבן צו עסן, צוליב פיקוח נפש.

**פרעגט** דער "חתם סופר", מיר געפינען נישט אַזאַ הלכה ביי אַנדערע איסורי תורה. צום ביישפיל, אויב עס פאַרגליסט זיך פאַר אַ מעוברת צו עסן נבילות וטריפות אין די אַנדערע טעג פון יאָר, געפינט מען נישט אין ערגעץ אַ דין אַז מ'זאָל איינרוימען אין איר אויער, אַז די תורה האָט פאַרבאָטן צו עסן נבילות און טריפות?

**ענטפערט** דער "חתם סופר", דער עובר האָט אַ גרויסע קדושה, ווייל דער מלאך לערנט מיט איהם די גאַנצע תורה. ווען נישט דאָס וואָס די מאַמע'ס

גשמיות'דיגער גוף נעמט איהם אַרום, וואָלט דאָס קינד געווען גרעסער פון די מלאכים. וועגן דעם, רוימט מען נישט אריין אין איר אויער אַ גאַנץ יאָר אַז זי טאָר נישט עסן נבילות וטריפות, ווייל דאָס וועט איר נישט צוריקהאַלטן פון די עבירה (ווייל איר גוף ציהט צו גשמיות'דיגע תאוות), אָבער יום כיפור, ווערט אויך דער גוף פון די מוטער ריין. ממילא, אויב מ'וועט דערמאנען פאַר די מוטער אַז היינט איז יום כיפור, איז מעגליך אַז זי וועט מער נישט גליסטן צו עסן[טו].

**די** חז"ל זאָגן (שמו"ר פנ"ב) אַז רבי שמעון בן יוחאי האָט געפרעגט רבי אלעזר ברבי יוסי, האָסטו אפשר געהערט פון דיין טאַטן, וואָס עס איז דער פשט פון פסוק (שה"ש ג, יא) "בעטרה שעטרה לו אמו"? האָט ער איהם געענטפערט, עס איז אַ משל צו אַ קעניג וואָס האָט געהאַט אַ טאָכטער, ער האָט איר זייער ליב געהאַט, און ער האָט איר גערופן "בתי" - מיין טאָכטער (וואָס איז קלענער פון איר טאַטן). שפּעטער האָט ער פון גרויס ליבשאַפט איר גערופן "אחותי" - מיין שוועסטער (וואָס שטייט אויף איין מדרגה מיט איר ברודער), און צום סוף האָט ער איר גערופן "אמי" - מיין מוטער (העכער פון מיר, כביכול). דערציילט דער מדרש, אַז רבי שמעון בן יוחאי האָט זיך אויפגעשטעלט און ער האָט געקושט דעם שטערן פון רבי אלעזר ברבי יוסי.

**זאָגט** דער "באר מים חיים" (פרשת נשא, ד"ה "ולקח הכהן"), אַ מענטש הייבט אַמאָל אויף זיין קינד - פון ליבשאַפט - ביז זיין קאָפּ. אויב ער האָט איהם נאָך מער ליב, הייבט ער איהם אויף העכער זיין קאָפּ, און אויב ער האָט איהם נאָך מער ליב, הייבט ער איהם אויף ביז גאָר הויך, ער מאַכט פון איהם אַ "קרוין" אויף זיין קאָפּ.

**שרייבט** ער ווייטער, ווען אידישע קינדער זענען זוכה, הייבט אויף דער אויבערשטער זייערע נשמות ביז צו זיין קאָפּ כביכול, וואָס דאָס קומט פאָר אין ראש חודש, אָבער עס איז דאָ אַ בחינה פון "ישראל אשר בך אתפאר" (ישעיה מט, ג), ווען דער אויבערשטער מאַכט אידן פאַר זיין קרוין כביכול, פון גרויס ליבשאַפט צו זיי. אויף דעם זאָגט דער פסוק (ויקרא טז, ל) "כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם, לפני ה' תטהרו", ווייל אין יום כיפור דערגרייכן אידישע נשמות צו די בחינה וואָס דער אויבערשטער הייבט זיי אויף העכער זיין קאָפּ כביכול, "ואז נקרא לפני ה', לפניו ממש כביכול", און אויף דעם זאָגט דער פסוק וועגן יום כיפור: "לפני ה' תטהרו", וויבאַלד עס ווערט נתעורר אַזאַ שטאַרקע ליבשאַפט, וועט דער אויבערשטער אַוודאי מוחל זיין די עבירות פון אידישע קינדער, ע"כ.

**באמת,** יום כיפור זענען אידן נישט נאָר ווי די מלאכים, נאָר זיי שטייען אויף אַ פיל העכערע מדרגה, ווי ס'איז משמע אין "מטה משה" (אות תתע"ב) אַז אין דעם טאָג פון יום כיפור, ווערט דער כסא הכבוד כביכול אויפגעהויבן מיט דער הילף פון די תפילות פון אידישע קינדער (ווי עס איז באַקאַנט פון זוה"ק (ח"ג ו:) "ישראל מפרנסין לאביהם שבשמים"). דעם אויבערשטען'ס כבוד ווערט אין דעם טאָג, דערהויבן צו אַזאַ הויכן אָרט, אַז די מלאכים זענען נישט בכח משיג צו זיין די קדושה פון דעם אָרט, און צוליב דעם פרעגן זיי די גאַנצע צייט:

---

**טו.** אויך דאָס "ארציות" פון די וועלט, ווערט גאָר שטאַרק אויפגעהויבן אין יום כיפור, ווי דער "בני יששכר" זאָגט ("אגרא דפרקא", אות ד"ש) אַ טעם פאַרוואָס מ'טוט נישט אָן שיך אין יום כיפור, ווייל די חז"ל זאָגן (שבת קכט.) אַז מען דאַרף פאַרקויפן אַלעס וואָס מ'פאַרמאָגט - אויך די באַלקנס פון הויז - און קויפן שיך אָנצוטון אויף די פיס. דער טעם פאַרוואָס עס איז אַזוי וויכטיג צו טראָגן שיך (וויכטיגער אַפילו פון אייגענעם הויז), ווייל דער "משנת חכמים" למהר"ם חאגיז ז"ל, ברענגט אין נאָמען פון די חכמי הרמז, אַז ווען אדם הראשון האָט געזינדיגט און געגעסן פונעם עץ הדעת, איז די ערד געשאָלטן געוואָרן, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית ג, יז) "ארורה האדמה בעבורך", די ערד איז פאַרשאָלטן צוליב דיר. צוליב דעם דאַרף מען פאַרקויפן אַלעס וואָס מ'פאַרמאָגט און קויפן שיך פאַר די פיס, כדי מ'זאָל נישט טרערטן אויף אַן אָרט וואָס איז געשאָלטן געוואָרן (די ערד).

זאָגט דער "בני יששכר", די הלכה איז אַז אין בית המקדש האָט מען געדאַרפט גיין באָרוועס (עי' ברכות סב:), ווייל אין בית המקדש, איז אויך די ערד הייליג (דאָרט האָט נישט חל געווען דעם אויבערשטען'ס קללה אויף די ערד), און עס טאָר דאָרט נישט זיין אַ "חציצה" צווישן די פיס פונעם מענטש און די הייליגע ערד. צוליב דעם טראָגט מען נישט שיך אין יום כיפור, ווייל אין יום כיפור, איז די ערד אויך געבענטשט, מחמת קדושת היום, און מ'קען טרערטן אויף די הייליגע ערד!

"איה מקום כבודו להעריצו". וואו איז דאָס אָרט פון דעם אויבערשטען'ס כבוד, אַז מיר זאָלן איהם קענען לויבן.

**זאָגט** דער "מטה משה", אַז דערפאַר זאָגט מען נישט "נקדישך" אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור, נאָר "כתר", ווייל אין "נקדישך" זאָגט מען "ממקומך" מלכנו תופיע, בלשון "נוכח" מ'רעדט צו דעם אויבערשטען דירעקט, און די מלאכים קענען אין דעם הייליגן טאָג פון יום כיפור, נישט רעדן "בלשון נוכח", ווייל זיי וויסן דאָך נישט וואו עס געפינט זיך דער כסא הכבוד, נאָר מ'זאָגט "כתר", וואָס אין "כתר" רעדט מען בלשון נסתר, "ממקומו" הוא יפן ברחמיו לעמו וכו'.

**ומי מטהר אתכם - די גרויסע טהרה צו וואָס מיר זענען זוכה אין דעם טאָג**

**דער** "חינוך" שרייבט (מצוה קפה) אַז מיט זיין גרויסע חסד אויף אידישע קינדער, האָט דער אויבערשטער באַשטימט איין טאָג אין יאָר, מוחל צו זיין די עבירות מיט די תשובה וואָס אידן וועלן טוהן, ווייל אויב די עבירות וואָלטן זיך צונויפגעזאַמלט יאָר נאָך יאָר, וואָלט ביים סוף פון צוויי יאָר, אָדער פון דריי יאָר, פול געוואָרן דאָס מעסטל ח"ו, און די וועלט וועט זיך געפינען אין אַ סכנה ח"ו[טז].

**וועגן** דעם, כדי די וועלט זאָל קענען עקזיסטירן, האָט דער אויבערשטער ברוך הוא, מיט זיין חכמה, באַשטימט איין טאָג פון יאָר מוחל צו זיין פאַר די מענטשן וואָס טוען געהעריג תשובה, און באַלד פון אָנהייב פון בריאת העולם, האָט דער אויבערשטער באַשטימט דעם טאָג פאַר דעם צוועק פון כפרה און טהרה"[יז].

**נאָך** דעם וואָס ער האָט באַשטימט דעם טאָג פאַר כפרת עוונות, איז עס געוואָרן הייליג, און האָט

---

**טז.** הרה"ק רבי יהושע'לע דזשיקוב'ער זי"ע, בעל "עטרת ישועה", האָט דערציילט, אַז אַמאָל ווען ער האָט באַזוכט די שטאָט וויען, האָט ער באַמערקט ווי אַ מענטש אַרבעט שווער ביים רייניגן די גאַס, און ער האָט איהם געפרעגט: "פאַרוואָס דאַרפסטו אַרבעטן אַזוי שווער? ביז אַ פּאָר שעה, וועט דאָך די גאַס ווידער זיין פאַרשמירט, אַזוי ווי פריער?". האָט דער מענטש וואָס האָט גערייניגט די גאַס, געענטפערט:

- ריכטיג, ביז אַ פּאָר שעה וועט די גאַס ווידער זיין שמוציג, אָבער אויב איך וועל נישט כסדר רייניגן דאָס מיסט, וועט פון דעם ווערן אַ גאַנצער באַרג... עס וועט זיין אַזוי פיל מיסט, אַז מ'וועט אינגאַנצן נישט קענען גיין אויפ'ן גאַס...

און דער "עטרת ישועה" האָט אויסגעפירט:

- דאָס איז די עבודה פון אידן אין די הייליגע טעג, צו "רייניגן און שווענקען" די נשמה. דער מענטש זאָל נישט טראַכטן ביי זיך, "איך וועל דאָך שפּעטער סיי-ווי קאַליע מאַכן ח"ו, און וואָס וועל איך שוין פאַרדינען מיט דעם וואָס איך רייניג זיך יעצט?...". דאָס איז אָבער נישט אַ ריכטיגע טענה, ווייל אויב מ'רייניגט זיך נישט יעצט פון יעדע זוהמא, וועט עס חלילה "איבערגיין", און מ'וועט עס נישט קענען פאַרריכטן.

דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט, אַז אויב מענטשן וואָלטן געוואוסט ווי ריין זייער נשמה ווערט אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור, וואָלטן זיי זיך שטאַרק געהיטן מער קיינמאָל נישט צו פאַרשמירן זייער נשמה ח"ו.

**יז.** הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנימער זי"ע, פלעגט ביי די סעודה המפסקת ערב יום כיפור, זאָגן דעם באַקאַנטן משל:

אַ מענטש האָט פאַרמאָגט אַ הינדל, וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט. ער האָט געשפּייזט דאָס הינדל מיט שפּייז, עסן און טרינקען, און אַפילו אָנגעטוהן מלבושים אויפ'ן הינדל.

אַ געוויסן טאָג, האָט דער שטאָטישער גנב באַשלאָסן צו 'אַדאָפּטירן' דאָס הינדל פאַר זיך... ער האָט זיך אַריינגעבראָכן אינמיטן נאַכט אין הויז פון דעם אייגנטימער פונעם הינדל, און עס אַרויסגענומען פון דאָרט. דער אייגנטימער פונעם הינדל האָט געזוכט צו כאַפּן דעם גנב, אָבער אָן ערפאָלג. דער גנב - פון זיין זייט - האָט פאַרנאַכלעסיגט דאָס הינדל, נישט געבנדיג צו עסן און טרינקען. פון הונגער, איז דאָס הינדל שוואַכער געוואָרן פון טאָג צו טאָג, און בלית ברירה, האָט דער גנב געפירט דאָס הינדל צום שוחט.

אין דער צייט ווען דער גנב האָט זיך געפונען מיט'ן הינדל ביים שוחט, איז דער אייגנטימער אַריינגעקומען, און ער האָט דערקענט זיין הינדל. ער האָט באַלד אָנגעשריגן דעם גנב, ער זאָל איהם זאָפאָרט אומקערן די גניבה, דאָס

באַקומען דעם זכות פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, אויף אַזוי ווייט, אַז ער העלפט אַרויס אין די כפרה[ח].

**דער** "לבוש" זאָגט (סי' תקפ"ב ס"א) וועגן דעם וואָס מיר זאָגן יום כיפור ביינאַכט ביי מעריב, פאַר תפלת שמונה עשרה, דעם פסוק "כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאותיכם לפני ה' תטהרו", אַז דער פסוק איז נישט אַ "הפסק" צווישן "גאל ישראל" און תפלת שמונה עשרה (וואָס מיר ווייסן אַז מען דאַרף סומך זיין "גאולה לתפלה"), ווייל די כפרה און טהרה זענען די "גאולה" פון אידישע קינדער. עס לייזט זיי אויס פון די מקטרגים. עס איז נישט דאָ אַ לענגערע גאולה ("גאולה אריכתא"), ווי דאָס וואָס דער אויבערשטער איז מוחל די עבירות פון אידישע קינדער, און ער רייניגט זיי אין דעם הייליגן טאָג.

**מיר** דאַרפן גלייבן מיט'ן גאַנצן האַרץ, אַז דער באַשעפער איז מוחל אונזערע עבירות אין יום כיפור, ווי דער רמ"א (או"ח סי' תר"ז, ס"ו) ברענגט דאָס לשון פון רמב"ם (הלכות שגגות, פ"ג, ה"י) "יום הכיפורים אינו מכפר אלא על השבים המאמינים בכפרתו", יום כיפור איז מכפר, נאָר פאַר די מענטשן וואָס טוהען תשובה און גלייבן אַז דער טאָג ברענגט אַ כפרה[ט].

**לויט** דעם, זאָגט דער "חידושי הרי"ם" זי"ע ("ליקוטי הרי"ם") אַ טעם פאַרוואָס מיר זאָגן ביי תפלת

---

הינדל. דער גנב האָט אָבער געענטפערט חוצפּה'דיג: "לא היו דברים מעולם"... איך האָב קיינמאָל נישט גענומען דיין הינדל. ער האָט אַפילו געברענגט אַ "ראיה" אַז ער איז נישט דער גנב... "דיין הינדל איז געווען פעט און 'געבויט', אָבער מיין הינדל איז - ווי דו קענסט זעהן - מאָגער און אויסגעדאַרט...".

דער אייגנטימער האָט אָבער נישט מוותר געווען, און גע'טענה'ט אַז דער גנב איז דאָ באַגאַנגען אַ דאָפּלטן פאַרברעכן: ער האָט גענומען אַ זאַך וואָס באַלאַנגט נישט צו איהם, און ער האָט עס נאָך דערצו אָפּגעשוואַכט.

דערזעהענדיג דעם טומל, האָט דער שוחט געשיקט ביידע - דעם אייגנטימער און דעם גנב - צום שטאָט-רב, ער זאָל פּסק'ענען ווער פון זיי ס'איז גערעכט.

דער רב איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייל יעדער איינער פון די צוויי בעלי דין האָט דאָך גע'טענה'ט "כולה שלי"... אָבער שפּעטער, איז איינגעפאַלן דעם רב אַ גדאַנק, ווי אַזוי ער וועט קענען אויפווייזן ווער ס'איז גערעכט: ער האָט געהייסן אַראָפּנעמען דעם שטריק מיט וועלכן די פיס פונעם הינדל זענען געווען צוגעבונדן, און אַזוי וועט מען זעהן צו וועמען דאָס הינדל איז געלאָפן... זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דאָס הינדל איז געלאָפן צו אָריגינעלן בעל הבית...

און רבי מאָטל סלאָנימער האָט אויסגעפירט דעם משל מיט טרערן: אין לויף פונעם יאָר, באַווייזט ליידער דער יצר הרע אַריינצוכאַפּן דעם מענטש אין זיין נעץ. ער 'פליקט' אָפּ זיינע 'פליגל' דורך איהם מכשל מיט עבירות. אָבער ווען עס קומט דער טאָג פון יום כיפור, און עס ווערט מקוים דער פסוק (יחזקאל לו, כה) 'וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם מכל טומאותיכם', ווערן אויפגעמאַכט אַלע 'שטריק' פונעם שטן, און דאַן קערט זיך יעדער איינער צוריק צום באַשעפער - זיין אמת'דיגער 'בעל הבית' - און ער 'לויפט' צו איהם מיט גרויס ליבשאַפט.

**יח.** אַזוי זאָגט דער "אור החיים" הקדוש (ויקרא כג, כח) "כי יום כיפורים הוא, פירוש כי עיצומו של יום מכפר" וכו' - דער עצם טאָג איז מכפר. "והמשכיל על דבר עיצומו של יום, לבבו יבין המכפר" - דער מענטש וואָס פאַרשטייט די גרויסקייט פון דעם טאָג, פאַרשטייט אַז עס איז מכפר אויף די עבירות. "כי הוא אדון המאיר היום לסגל סגל דבר זה", ווייל ער (דער אויבערשטער) איז דער האַר וואָס שיינט אַריין אין דעם טאָג, אַז עס זאָל האָבן די סגולה פאַר כפרת עוונות, עכל"ק.

**יט.** דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל שרייבט ("חכמת שלמה", סי' תר"ב) אַ טעם פאַר'ן מנהג ישראל נישט צו פּראַווען חתונות אין די עשרת ימי תשובה ("מטה אפרים", סי' תרב, ס"ה), ווייל דער ירושלמי זאָגט (ביכורים פ"ג, ה"ג) אַז יעדער חתן איז זוכה צו מחילת עוונות. וועגן דעם איז נישט ראוי חתונה צו האָבן אין די עשרת ימי תשובה, ווייל דאָס ווייזט כאילו דער מענטש זוכט אַ וועג ווי אַזוי צו זוכה צו זיין צו כפרת עוונות. "ובזה הוא כמרים יד במלך מלכי המלכים", און מיט דעם איז ער אַזוי ווי אַ מענטש וואָס הייבט אויף אַ האַנט ח"ו קעגן דעם באַשעפער ב"ה, דער מלך מלכי המלכים, וואָס ער האָט צוגעזאָגט (ויקרא טז, ל) "כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאותיכם", און אין אַזאַ טאָג, דאַרף מען נישט האָבן אַנדערע סגולות...

מעריב מוצאי יום כיפור, "והוא רחום יכפר עון" און "סלח לנו". לכאורה, צו דען האָט מען שוין באַוויזן צו זינדיגן פון יום כיפור ביז מוצאי יום כיפור? נאָר מ'בעט אַ סליחה און כפרה אויף דעם אַליין וואָס מ'גלייבט נישט באמונה שלימה אין די כפרה צו וועלכע מיר זענען זוכה אין יום כיפור, און אויף דעם דאַרף מען טאַקע בעטן פונדאַסניי, אַז דער אויבערשטער זאָל מוחל זיין אונזערע עבירות[כ].

**אַזוי** שרייבט דער בעל התניא זי"ע (בנוגע צו אַ גאַנץ יאָר), אין "אגרת התשובה" (פי"א) "שצריך האמונה והבטחון להיות נכון לבו בטוח בה'", אַז דער מענטש דאַרף האָבן אמונה און בטחון, ווייל דער אויבערשטער וויל טוהן חסדים מיט אידישע קינדער, און מוחל זיין זייערע עבירות. און ווי נאָר דער מענטש בעט מחילה און סליחה פון דעם באַשעפער ברוך הוא איז דער אויבערשטער מוחל אונזערע עבירות, אָן שום ספק אָדער ספק ספיקא.

**דער** בעל התניא ברענגט אַ ראיה דערצו, פון דעם וואָס מיר בעטן סליחה ומחילה דריי מאָל אַ טאָג אין תפלת שמונה עשרה, און מיר מאַכן די ברכה "חנון המרבה לסלוח". מיר ווייסן דאָך (ברכות כא. וברא"ש שם סט"ו) "ספק ברכות להקל". אויב מ'איז מסופק צו מ'דאַרף מאַכן אַ ברכה, איז מען מקיל (אַז מ'דאַרף נישט מאַכן די ברכה). ממילא, אויב מיר וואָלטן נישט געווען פאַרזיכערט אַז דער אויבערשטער איז מוחל אונזערע עבירות, וואָלטן מיר זיך געדאַרפט צוריקהאַלטן פון מאַכן די ברכה בשם ומלכות, צוליב חשש "ברכה לבטלה", נאָר עס איז זיכער אַז אין דעם איז נישט דאָ קיין ספק, וויבאַלד מיר האָבן געבעטן "סלח לנו", "מחל לנו". וועגן דעם קענען מיר זאָגן "ברוך אתה ה' חנון המרבה לסלוח".

**ומודה ועוזב ירוחם - די מצוה און סגולות פון וידוי**

**אין** דעם הייליגן טאָג פון יום כיפור, האָט דער אויבערשטער אונז געגעבן אַ גוטע מתנה - די מצוה פון ווידוי. דער אויבערשטער דערבאַרימט זיך אויף דעם מענטש וואָס איז מודה אַז ער האָט געזינדיגט.

**אַזוי** זאָגן מיר אין דעם "וידוי הגדול" פון רבינו ניסים ("יום כיפור קטן", ועוד) "ומנהגך לרחם על בריותך", און דו פירסט זיך צו רחמנות האָבן אויף דיינע באַשעפענישן. "וביותר לשבים אליך ומודים לפניך, ועוזבים ומתנחמים על פשעיהם, ולא מכסים אותם", און נאָך מער אויף די מענטשן וואָס קערן זיך צוריק צו דיר און זענען מודה פאַר דיר (אַז זיי האָבן געזינדיגט) און האָבן חרטה אויף זייערע עבירות און זיי באַהאַלטן עס נישט, ווייל אַזוי זאָגט דער פסוק (משלי כח, יג) "מכסה פשעיו לא יצליח, ומודה ועוזב ירוחם[כא]". דער מענטש וואָס פאַרדעקט זיינע זינד, וועט נישט מצליח זיין, אָבער דער מענטש וואָס איז מודה (אַז ער האָט געזינדיגט) און

---

**כ.** ווי ווייט עס דערגרייכט די טהרה און כפרה אין יום כיפור, קען מען זעהן פון די ווערטער פונעם "מטה אפרים" (סי' תרכ"ד, ס"ה) אַז נאָך קידוש לבנה מוצאי יום כיפור, באַגריסט איינער דעם אַנדערן, און ער ווינטשט איהם פרייליכערהייט אַ גוט געבענטשט יאָר.

שרייבט אויף דעם, דער "אלף המגן": דער טעם פאַרוואָס מ'ווינטשט איינער דעם אַנדערן מוצאי יום כיפור, וויבאַלד ער האָט זוכה געווען אַז מ'האָט מוחל געווען זיינע עבירות, האָט זיין ברכה אַ כח צו ווירקן אויפ'ן גאַנצן יאָר.

זעהען מיר פון דעם, אַז יעדער מענטש האָט אין זיין האַנט דעם שליסל צו די ברכות, משפיע צו זיין אַ שפע פון ברכה פאַר'ן גאַנצן יאָר, ווייל דעמאָלטס איז ער דאָך אין דער בחינה פון אַ "צדיק גמור" (אגב, לערנען מיר פון דעם, אַז אויך אַ "גברא רבה" - ווי יעדער איד איז מוצאי יום כיפור... - דאַרף אָנקומען צו די ברכות פון אַנדערע אידן, ווייל מוצאי יום כיפור זענען דאָך אַלע אידן ריין פון יעדן חטא, און פונדעסטוועגן, דאַרפן זיי זיך לאָזן בענטשן איינער ביים אַנדערן...).

**כא.** הרה"ק בעל "בית אהרן" זי"ע פון קאַרלין, האָט געהאַט אַ חסיד מיט'ן נאָמען רבי ירוחם, וועמען ער פלעגט אַ סאַך מאָל צושיקן צו דינען אַלס שליח ציבור. אמאָל האָט אַן אַנדערער חסיד, וועלכער האָט אויך געוואָלט צוגיין צום עמוד אַלס שליח ציבור, געפרעגט דעם "בית אהרן", "צו דען ווייל ער הייסט "ירוחם", דאַווענט ער כסדר פאַר'ן עמוד?!...". האָט דער "בית אהרן" איהם געענטפערט:

- אויב דו וועסט זיין אַ "מודה" און אַן "עוזב", וועסטו אויך הייסן "ירוחם"...

ער לאָזט אָפּ די עבירה, דערבאַרימט מען זיך אויף איהם אין הימל. "ומציל את נפשו מדינה של גיהנום" - און ער ראַטעוועט זיין נפש פון די שטראָף פון גיהנום[כב].

**אין** דעם הייליגן טאָג פון יום כיפור, איז עס די צייט ווען ס'איז אַמבעסטן מסוגל צו זאָגן ווידוי אויף די עבירות וואָס מ'האָט געטוהן, ווי די גמרא זאָגט (יומא פז:) די מצוה פון ווידוי[כג] איז ערב יום כיפור פאַרנאַכט[כד], ווייל ס'איז נישט מעגליך תשובה צו טוהן אָן ווידוי, ווי דער רמב"ם ז"ל שרייבט (הל' תשובה, פ"א, ה"א) אַז אַלע מצוות פון די תורה, סיי אַ מצות עשה, סיי אַ מצות לא תעשה, אויב דער מענטש האָט עובר געווען אויף איינע פון זיי, סיי במזיד, סיי בשוגג, ווען ער טוט תשובה אויף זיין עבירה, דאַרף ער זיך מתוודה זיין פאַר'ן באַשעפער ברוך הוא, ווי דער פּסוק זאָגט (במדבר ה, ו-ז) "איש או אשה כי יעשו... והתודו את חטאתם אשר עשו", דאָס מיינט "וידוי דברים" - צו זאָגן ווידוי מיט'ן מויל, און דער ווידוי, איז אַ מצוות עשה[כה], עכ"ל.

---

**כב.** דער מהר"ל ז"ל איז מסביר, אין ספר "נתיבות עולם" (נתיב התשובה, פ"א) דעם ענין פון מחילת עוונות, על דרך משל. ראובן האָט באַ'עוול'ט שמעון'ען מיט אַ גרויסע עוולה, און שמעון האָט אַ גערעכטע טענה אַז ראובן האָט זיך געפירט מיט איהם אויף אַן אומרעכטן וועג. פונדעסטוועגן, ווען ראובן פאַלט פאַר שמעון'ס פיס און ער וויינט פאַר איהם אַז ער זאָל איהם מוחל זיין, און שמעון וועט דערקענען אַז ראובן מיינט ערנסט זיך איבערצובעטן מיט איהם, ווייל ער האָט באמת חרטה אויף דעם וואָס ער האָט איהם געטוהן, וועט שמעון מסתמא נישט זיין אַן אכזר ח"ו, און ער וועט מוחל זיין פאַר ראובן די עוולה וואָס איז ער איז באַגאַנגען קעגן איהם. איז דאָך אַוודאי געוויס אַז ווען אַ מענטש, אַ "בשר ודם" אנערקענט זיין עבירה און ער בעט פונעם באַשעפער, דער "בעל הרחמים", מחילה סליחה וכפרה, איז ער איהם אַוודאי און אַוודאי מוחל און פאַרשרייבט איהם אַ גוט יאָר.

און דער מהר"ל ז"ל גיט צו, אַז פונקט ווי דער מענטש קען איבערבעטן זיין חבר נאָר אויב ער שטייט נאָנט צו איהם און בעט פון איהם מחילה, אַזוי אויך דער מענטש וואָס איז זיך מתוודה פאַר דעם אויבערשטען און ער בעט אַ כפרה אויף זיינע זינד, געפינט ער זיך "נעבן" דעם אויבערשטען כביכול ממש, און ממילא, קענען די שלעכטע מלאכים נישט מקטרג זיין אויף איהם, ווייל דער אויבערשטער שיצט איהם, און ס'איז נישט דאָ אַ בעסערע שוץ פאַר'ן מענטש ווי דאָס וואָס ער שטייט נעבן דעם אויבערשטען כביכול אַליין.

**כג.** דער גאון רבי חיים ברבי בצלאל זצ"ל (אַ ברודער פונעם מהר"ל) זאָגט אין זיין ספר "אגרת הטיול" (חלק הרמז, אות יט) בדרך הלצה, אַ טעם פאַרוואָס מען קלאַפּט מיט'ן פויסט אויפ'ן האַרץ ווען מ'זאָגט ווידוי, ווייל דער פּסוק זאָגט (דברים יז, ז) "יד העדים תהיה בו בראשונה", און עס שטייט אין ספרי (פ' האזינו, סי' שז) אַז ווען דער מענטש גייט אַוועק פון דער וועלט קומען אַלע זיינע מעשים און ווערן אַוועקגעשטעלט פאַר איהם, און זאָגן איהם, "אַזוי האָסטו געטוהן", און ער ענטפערט "יאָ". שפּעטער זאָגט מען איהם ער זאָל אונטערשרייבן דערויף זיין נאָמען, ווי דער פּסוק זאָגט (איוב לז, ז) "ביד כל אדם יחתום". קומט אויס אַז די האַנט איז דער "עד" אַז דער מענטש האָט געזינדיגט רח"ל, און וועגן דעם דאַרף ער צוערשט "קלאַפּן" אויפ'ן האַרץ, ווייל "יד העדים תהיה בו בראשונה"...

**כד.** איידער מ'זאָגט "אשמנו", דאַרף מען זיך מתבונן זיין אין די ווערטער פון הייליגן בעל "ישמח משה" זי"ע, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געהערט אין זיין יוגנט פון "מגידי אמת", אַז בשעת מען זאָגט ווידוי, דאַרף מען געדענקען אַז מ'וועט אַמאָל זיין אָנגעטוהן אין אַ קיטל (תכריכים), און אין אַ טלית, און מ'וועט זאָגן "ווידוי" פאַר'ן בית דין של מעלה, אָבער דעמאָלטס וועט זיין ווידוי שוין נישט אָנגענומען ווערן, ווייל אויף יענע וועלט, העלפט שוין נישט תשובה. יעצט איז עס נאָך אין זיין האַנט מתקן צו זיין דורך די ווידוי וואָס ער זאָגט, און דאָס וועט מאַכן אויף איהם אַ רושם.

דער פּאַפּא רב, הרה"ק רבי יעקב יחזקיהו זצ"ל, בעל "ויגד יעקב", האָט געזאָגט אויף אַן אַנדערן אופן, ווי אַזוי מ'דאַרף זאָגן ווידוי. דער מענטש זאָל זיך פאָרשטעלן ווי ער שטייט אינמיטן אַ גרויסן שרעקעדיגן וואַלד, און עס האָבן איהם באַגעגנט רויבערס, און איינער פון די רויבער שטייט שוין מיט אַן אויסגעשטרעקטע שווערד. דער מענטש ער בעט זיך בתחנונים ביים רויבער, אַז ער זאָל צוואוואַרטן מיט'ן איהם הרג'ענען אַ פּאָר מינוט, כדי ער זאָל נאָך קענען זאָגן ווידוי איידער ער גייט אַוועק פון דער וועלט רח"ל.

**כה.** דער "משך חכמה" ברענגט אַ ראיה אַז דער עיקר פון מצות תשובה איז ווידוי, ווייל מ'קען דאָך נישט זאָגן אַז דער עיקר פון תשובה איז עזיבת החטא, צו פאַרלאָזן די עבירה, ווייל אויך אָן תשובה, טאָר מען סיי-ווי

**מ'דאַרף** געדענקען אַז ווידוי האָט אַזאַ גרויסן כח, אַז עס נעמט אַראָפּ פונעם מענטש אַלע פּורעניות[כו], ווי מיר געפינען ביי בלעם הרשע (במדבר כב, לד) אַז ער האָט געזאָגט צום מלאך "חטאתי" - איך האָב געזינדיגט, און די חז"ל זאָגן (במדב"ר פ"כ, טו) אַז בלעם איז געווען אַ "רשע ערום" - אַ קלוגער רשע. ער האָט געוואוסט אַז די איינציגסטע זאַך וואָס קען היטן דעם מענטש פון שטראָף, איז צו טוהן תשובה, "שכל מי שחוטא ואומר חטאתי, אין רשות למלאך ליגע בו", ווייל יעדער מענטש וואָס זינדיגט און ער זאָגט, "איך האָב געזינדיגט"[כז], האָט קיין איין מלאך נישט רשות איהם אָנצורירן[כח].

**דער** "ראשית חכמה" זאָגט אַ טעם פאַרוואָס די חז"ל האָבן מתקן געווען דעם סדר פון וידוי לויט'ן סדר פון אל"ף-בית. ווייל די מקובלים שרייבן, אַז די וועלט

---

נישט זינדיגן פון דאָ און ווייטער, און אויב אַזוי, וואָס העלפט די מצוה פון תשובה אַז ער נעמט אויף זיך אַז ער וועט מער נישט זינדיגן, וואָס אויף דעם איז ער שוין "מושבע ועומד מהר סיני" באַשוואוירן פונעם באַרג סיני... אלא מאי איז אַ ראיה, אַז דער עיקר פון תשובה איז דער וידוי וואָס דער מענטש זאָגט אַרויס פון טיפן האַרץ.

**כו.** דער גאון רבי חיים וואָלאָזשינער זצ"ל האָט געזאָגט, אַז דער מענטש וואָס ליידט יסורים ל"ע און ער איז זיך מתוודה אויף זיינע עבירות, ווערן די יסורים זיכער אַוועקגיין פון איהם. ער פלעגט צולייגן, אַז דאָס איז "בדוק ומנוסה", אַז תיכף נאָך דעם ווי דער מענטש טוט תשובה, ווערן נמתק די דינים און ווערן איבערגעדרייט צו רחמים.

**כז.** עס שטייט אין ספה"ק "שפתי צדיק" (בלק, אות כב) אַז פון די מעשה פון בלעם לערנען מיר אַרויס אַ "לימוד עצום" אַז דער מענטש זאָל נישט זאָגן, "איך בין נישט גרייט תשובה צו טוהן", וכדומה "מחסידישע תירוצים הכל הבל" - וואָס זענען הוילע נאַרישקייטן - "רק בכל עת פתוחין שערי תשובה", נאָר אין יעדע צייט, זענען אָפן די טויערן פון תשובה.

שרייבט ער ווייטער, אַז אויף די עצם מחשבה אליין (אַז ער איז נישט בכוח תשובה צו טוהן), דאַרף דער מענטש אויך תשובה טוהן, ווייל עס איז זיכער אַז דער רשע בלעם איז נישט געווען גרייט תשובה צו טוהן, און ער האָט נישט געטראַכט צו פאַרענדערן זיינע שלעכטע וועגן אַפילו אויף איין רגע, און פונדעסטוועגן האָט איהם געהאָלפן דאָס וואָס ער האָט געזאָגט "חטאתי", איז דאָך אַ קל וחומר אַז יעדער איד, יהיה מי שיהיה, ווען ער נעמט אויף זיך תשובה צו טוהן, ווערט ער אָנגענומען פון באַשעפער אין הימל, "באהבה וברצון".

**כח.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, פלעגט כסדר איבער'חזר'ן די ווערטער פון מדרש אַז בלעם איז געווען אַ "רשע ערום", און ער האָט געוואוסט אַז תשובה איז אַ שוץ קעגן פּורעניות, און ער פלעגט זאָגן, אַז עס איז אַ "מצוה מפרסם צו זיין" פאַר די יוגנט, אַז אנשטאט זיי זאָלן שטענדיג זיין פאַרנומען מיט "תירוצים" פאַר זייערע מעשים, זאָלן זיי זאָגן "חטאתי", און צוריקקערן זיך צום "דרך המלך" - דער וועג פונעם מלך מלכי המלכים הקב"ה.

ביים "בית ישראל" האָט טאַקע פּאַסירט, אַז ער האָט אַמאָל באַמערקט ווי צוויי בחורים שמועסן אינמיטן דאַווענען. איז ער צוגעגאַנגען צו איינעם פון זיי, און איהם געזאָגט: "זאָלסט נישט איבערטרעטן די שוועל פון בית המדרש צוויי וואָכן". האָט דער בחור זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז גאָרנישט שולדיג, נאָר דער צווייטער בחור האָט גערעדט צו איהם, ער האָט נאָר געהערט וואָס יענער האָט צו זאָגן... האָט דער "בית ישראל" איהם געזאָגט:

- אויב אַזוי, וויבאַלד דו האָסט אויף אַלעם אַ 'תירוץ', זאָלסטו נישט קומען אין שוהל זעקס וואָכן...

שפּעטער האָט דער "בית ישראל" געזאָגט אויך פאַר'ן צווייטן בחור, אַז ער זאָל נישט קומען אין שוהל במשך צוויי וואָכן צייט, האָט דער בחור געזאָגט: "רבי, 'חטאתי', און איך וויל תשובה טוהן דערויף...". האָט דער "בית ישראל" איהם געזאָגט:

- קום אַריין צו מיר אין שטוב, צו 'קידוש'...

אַן ענדליכע מעשה, האָבן מיר געהערט אין נאָמען פון דעם בעל העובדא, אַז ער איז אַמאָל געקומען אויף אַ "נסיעה" צום "בית ישראל", און ביים נעמען שלום, האָט דער "בית ישראל" איהם געפרעגט פאַרוואָס ער איז געקומען, און ער האָט געענטפערט: "איך בין געקומען צום רבי'ן". האָט דער "בית ישראל" איהם געזאָגט:

- דער וואָס רעדט ביים דאַווענען, קומט נישט צו מיר אויף שבת... (ער האָט געמיינט צו זאָגן, דו זאָלסט מיר נישט זאָגן, אַז אין אַזאַ מצב ביזטו געקומען...).

איז באַשאַפן געוואָרן מיט די 22 אותיות פון די תורה, און ווען דער מענטש טוט אַן עבירה, מאַכט ער חלילה חרוב די וועלט וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט די 22 אותיות פון א"ב. דעריבער, ווען דער מענטש ווערט נתעורר תשובה צו טוהן צום באַשעפער, און ער וויל פאַררעכטן דעם פגם דורך תשובה, דאַרף ער זיך מתוודה זיין מיט'ן ווידוי וואָס איז מיוסד אויפ'ן סדר פון אל"ף-בי"ת, די אותיות פון די הייליגע תורה.

**און** דער "ראשית חכמה" געבט צו, אַז פונדעסטוועגן, זאָגט מען קודם "חטאנו" - מיר האָבן געזינדיגט ("אבל אנחנו ואבותינו חטאנו"), כאָטש דאָס וואָרט "חטאנו" פאַנגט זיך אָן מיט'ן אות חי"ת, ווייל ס'איז וויכטיג צו זאָגן קודם דאָס וואָרט "חטאנו", וויבאַלד ווען דער מענטש זאָגט "איך האָב געזינדיגט", מאַכט ער תיכף בטל דעם קיטרוג פונעם שטן, און דאַן קען ער מיט רעכט זאָגן ווידוי: "אשמנו" וכו', ווייל נאָכ'ן מודה זיין אַז ער האָט געזינדיגט, קען שוין דער שטן מער נישט מקטרג זיין אויף איהם[כט].

**דער** הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע שרייבט ("נועם אלימלך", ליקוטי שושנה, ד"ה "שאו מנחה") אַז מיר דאַרפן זאָגן ווידוי אויף דעם אופן, "שאנחנו בטוחים בחמלתו יתברך שמו שירחם עלינו וימחול לנו על חטאתינו", ווייל מיר זענען פאַרזיכערט אויף דעם אויבערשטען'ס רחמנות, אַז ער וועט זיך דערבאַרימען אויף אונז, און ער וועט מוחל זיין אונזערע עבירות. "ולא בעצבות, שמפרש את חטאיו ומעורר דינים על עצמו", און נישט מיט אַ געפיל פון טרויעריגקייט[ל], ווען ער זאָגט אַרויס זיינע עבירות און ער איז מעורר דינים ח"ו. "כי אם

---

דערציילט דער איד, אַז באמת האָט ער נישט גערעדט ביים דאַווענען, נאָר דער וואָס איז געזעסן נעבן איהם האָט גערעדט צו איהם, און עס האָט נאָר אויסגעזעהן ווי ער שמועסט-מיט מיט יענעם. ער האָט זיך אָבער נישט געזוכט צו פאַרענטפערן, נאָר געזאָגט צום רבי'ן: "איך וועל שוין מער נישט רעדן"... האָט דער "בית ישראל" איהם געזאָגט "תוך כדי דיבור":

- אָה, ביזטו טאַקע געקומען אויף שבת...

דער רבי ר' בונם פון פשיסחא זי"ע האָט געזאָגט, אַז ביים בית דין של מעלה פרעגט מען נישט דעם מענטש פאַרוואָס ער האָט געטוהן אַן עבירה, נאָר פאַרוואָס ער האָט נישט תשובה געטוהן דערויף, און אויף דעם, האָט דער מענטש נישט וואָס צו ענטפערן, ווייל ווער האָט איהם דען געשטערט חרטה צו האָבן אויפ'ן עבר, און צו נעמען אויף זיך מתקן צו זיין זיינע וועגן פון יעצט און ווייטער.

אַזוי שטייט בפירוש אין מדרש (במדב"ר פי"ג, ג) אַז איידער אדם הראשון איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון גן עדן, האָט דער אויבערשטער איהם געבעטען ער זאָל תשובה טוהן, און ער האָט איהם געזאָגט: "אַפילו עכשיו, עשה תשובה, ואני מקבלך", אפי' יעצט קענסטו נאָך תשובה טוהן, און איך וועל דיך אָננעמען. אָבער וויבאַלד ער האָט נישט תשובה געטוהן, האָט מען איהם אַרויסגעטריבן פון גן עדן.

דאָס איז דערפאַר, ווייל אויף דעם עצם חטא האָט אדם הראשון דאָך געהאַט אַ שטיקל פאַרענטפערונג, ווי ער האָט אַליין געזאָגט (בראשית ג, יב) "האשה אשר נתת עמדי היא נתנה לי מן העץ ואוכל". אָבער אויף די טענה פאַרוואָס ער האָט נישט תשובה געטוהן, האָט ער נישט געהאַט קיין שום תירוץ, און צוליב דעם איז ער געשטראָפט געוואָרן.

**כט.** דער "חפץ חיים" זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, איינער באָרגט געלט פון זיין חבר. ווען דער מלוה קומט שפּעטער איינמאָנען דעם חוב, אויב דער לוה וועט איהם בעטן ער זאָל צוּוואַרטן מיט'ן חוב אַ וואָך אָדער צוויי, וועט דער מלוה אַוודאי מסכים זיין צו וואַרטן מיט די באַצאָלונג פונעם חוב. אָבער אויב ער וועט טענה'ן "איני יודע מה אתה סח" - "איך ווייס בכלל נישט וואָס דו ווילסט האָבן פון מיר"... וועט דער מלוה איהם באַלד רופן צו אַ דין תורה פאַר'ן בית דין...

דאָס איז די כוונה פון פסוק (ירמיה ב, לב) "הנני נשפט אותך על אמרך לא חטאתי", איך וועל דיך משפּט'ן פאַר דעם וואָס דו האָסט געזאָגט, "איך האָב נישט געזינדיגט". אָבער אויב דער מענטש איז מודה אַז ער האָט געזינדיגט, ווייסן מיר דאָך אַז "ומודה ועוזב ירוחם".

**ל.** די וועלט זאָגט, אַז וועגן דעם זינגט מען זיך אונטער אַ ספּעציעלע "תנועה" ביים זאָגן "אשמנו", כדי מרמז צו זיין, אַז אַפילו אין די צייט ווען מ'זאָגט ווידוי, טאָר מען נישט זיין צוגעלייגט, נאָר אדרבה, מ'דאַרף עס טוהן מתוך שמחה, און מיט אַ געשמאַקן ניגון.

בבטחון גדול" - נאָר מיט גרויס בטחון אין דעם אויבערשטען, ווי דער פּסוק זאָגט (משלי כח, יג) "ומודה ועוזב ירוחם", עכלה"ק.

**בעת נעילת שער - דער הייליגער זמן פון "נעילה"**

**דער** ראָפּשיצער רב זי"ע זאָגט אין ספה"ק "זרע קודש" (לערב יו"כ, ובעוד ספרים) און אַזוי שטייט נאָך אין סידור האריז"ל, אַז "נעילה" איז פון לשון "נעל י-ה", וואָס ווייזט, אַז דער אויבערשטער איז זיך מתייחד נאָר מיט אידן אַליין, און אַ פרעמדער קען זיך נישט אַריינמישן אין די שמחה[לא]...

**דער** רמח"ל ז"ל שרייבט אין "קיצור הכוונות" (עבודת יום הכיפורים, לתפילת נעילה) אַז אין דער צייט פון נעילה, קען יעדער איד צוקומען צו די מדרגה פון אדם

---

מ'דערציילט, אַז הרה"ק רבי מרדכי, דער באַקאַנטער זאָסלאָווער חזן זי"ע (וועלכער איז נאך געווען ביים מעזריטשער מגיד זי"ע, און שפּעטער ביים רבי'ן ר' אלימלך זי"ע) האָט אַמאָהל, ביים אונטערזינגען זיך בשעת'ן זאָגן "אשמנו", געזאָגט:

- רבונו של עולם, אויב אידישע קינדער וואָלטן נישט געזינדיגט, וואו וואָלסטו גענומען אַזאַ זיסן 'אשמנו'...

באמת, איז דאָס נישט סתם אַ "מליצה", ווי מ'זאָגט נאָך אין נאָמען פון הייליגן רבי'ן ר' זושא זי"ע פון אניפּאָלי, אַז ער האָט געזאָגט לזכותן של ישראל, "אויב מיר וואָלטן נישט געזינדיגט, פון וואו וואָלט דער באַשעפער גענומען אַזאַ 'ונסלח', וואָס מיר זאָגן מיט אַזוי פיהל נעימות און השתפכות הנפש"... פון דעם אַלעם זעהען מיר, אַז מ'דאַרף זאָגן ווידוי מתוך שמחה של מצוה.

דער ערלויער רב, הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל הי"ד, בעל "התעוררות תשובה", האָט געזאָגט נאָך אַ טעם פאַרוואָס מ'זאָגט "אשמנו" מיט אַ תנועה, ווייל די חז"ל זאָגן דאָך (יומא פו:) אַז ווען מ'טוט תשובה מאהבה, ווערן די עבירות איבערגעדרייט צו מצוות, און ממילא "איז עס ביי אונז אַ גרויסע שמחה ווען מיר טוהען תשובה (מאהבה) אויף אונזערע זינד, ווייל אַזוי וועלן מיר האָבן מער מצוות"...

**לא.** פאַר די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, פלעגט הרה"ק מסאטמאר זי"ע זיך פירן צו פאָרן יעדעס יאָר ז' אדר קיין קאַלוב, צום "ציון" פון הייליגן קאַלובער רב זי"ע. ער פלעגט יעדעס יאָר אָנקומען צום "ציון" פאַרנאַכטס, קורץ פאַר די שקיעה. איין יאָר, איז דער רבי זי"ע שוין אָנגעקומען אין קאַלוב פאַרמיטאָג, אָבער ער איז אַרויפגעגאַנגען צום "ציון" ערשט פאַרנאַכטס, ווי יעדעס יאָר. אויף די פראַגע פונעם משמש בקודש, "אַז דער רבי איז געקומען פרי אין שטאָט, פאַרוואָס האָט ער זיך פאַרזוימט ביז פאַרנאַכט צו גיין צום 'ציון', מתפלל זיין?", האָט דער רבי זי"ע געענטפערט:

- די וועלט זאָגט, אַ אין דער לעצטער מינוט 'כאַפּט מען מציאות'...

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז דער עיקר התעוררות פון רחמים, איז דווקא ביי 'נעילה', ביים סוף פונעם טאָג.

דער עיקר איז, נישט צו פאַרלירן די געלעגנהייט בעת די "חתימה" פונעם הייליגן טאָג, ווי מיר האָבן געהערט פון דעם משמש פונעם גאון רבי יצחק יעקב ווייס זצ"ל, גאב"ד ירושלים, בעל "מנחת יצחק", אַז דער רב האָט זיך געפירט, צו זאָגן יעדן שבת ביי שלש סעודות, אַ דרוש בדרך פלפול. אַמאָל האָבן צוויי יונגעלייט געבעטן דעם "מנחת יצחק", ער זאָל אויך זאָגן אביסל חיזוק פאַר'ן עולם. האָט דער "מנחת יצחק" געזאָגט מיט זיין גרויס עניוות, צו זיין זוהן, הרה"ח ר' בעריש שליט"א, "ווער בין איך, מחזק צו זיין אַנדערע אידן?...".

אַ וואָך שפּעטער, ביי שלש סעודות, האָט דער "מנחת יצחק" אָבער יאָ נאָכגעזאָגט אַ משל, וואָס ווערט געברענגט אין ספה"ק "חובות הלבבות" (שער התשובה, פ"י), און וואָס ווערט געברענגט אין די ספרי הקדמונים, אַ מענטש האָט געטראָגן מיט זיך אַ סאַך זילבערנע מטבעות. איינמאָל האָט ער געוואָלט אַריבערגיין אַ גרויסן און טיפן טייך, און ער האָט אַריינגעוואָרפן זיינע מטבעות אין טייך, מיינענדיג, אַז אַזוי וועט דער טייך פאַרשטאָפּט ווערן און ער וועט קענען דורכגיין. ווען ער איז פאַרבליבן מיט איין מטבע אין זיין האַנט, און ער האָט געזעהן אַז דער טייך איז נאָך פול מיט וואַסער, און ער וועט נישט קענען אַדורכגיין, האָט ער געגעבן זיין לעצטע מטבע פאַר אַ שיף-קאַפּיטאַן, וואָס איז דאָרט פאַרביי געפאָרן מיט זיין שיף, כדי ער זאָל איהם אַריבערפירן דורכ'ן טייך. דער קאַפּיטאַן האָט טאַקע אַזוי געטון. פאַר די מטבע וואָס ער האָט איהם אַוועקגעגעבן, האָט ער איהם אַריבערגעפירט דעם טייך.

דער לימוד פון דעם משל איז, דער "חכם" האָט זיך באַוויזן צו ראַטעווען ביי די לעצטע געלעגנהייט וואָס איז איהם אונטערגעקומען, און אויך נאָך דעם ווי ער האָט זיך געפירט ווי אַ שוטה וואָס פאַרלירט אַלעס וואָס מ'גיט

הראשון אידער ער האָט געזינדיגט, און צו זיין ממש אין דער בחינה פון "יציר כפיו של הקדוש ברוך הוא", אידער ער איז נכשל געוואָרן[לב].

**דער** "רוקח" שרייבט (הל' יוה"כ, סי' ריז) אַז יום כיפור פאַרנאַכטס איז די חתימה פונעם אויבערשטען, און די גאַנצע פמליא של מעלה שטייט, טייל זאָגן גוט און טייל פאַרקערט ח"ו, און דאַן שטייען אַלע נשמות פאַר'ן כסא הכבוד צו זאָגן גוטע ווערטער אויף אידן, און צוויי מלאכים שטייען אויף רעדער פון לופט, און זייערע פליגל זענען "מסוף העולם ועד סופו", איינער פון זיי ציילט און חתמ'עט למיתה ח"ו און איינער ציילט און חתמ'עט לחיים, און דער אויבערשטער - "חותם אמת" - פאַרזיגלט עס.

**ער** פירט אויס: "ועד עת החיתום יכול היחיד לשוב" - ביז די צייט וואָס מ'שרייבט אונטער, קען דער יחיד נאָך תשובה טוהן, "אם ישבר לבו בתשובה שלימה, מתקבלת" - אויב ער וועט צוברעכן זיין האַרץ מיט תשובה שלימה[לג], וועט עס אָנגענומען ווערן פאַר דעם אויבערשטען.

---

איהם, האָט ער איין מינוט באַוויזן צו ראַטעווען זיין לעבן. פון דעם קען יעדער איינער זיך אָפלערנען, נישט אַריינצופאַלן אין יאוש ברוחניות, צו טראַכטן, איך בין שוין אַ פאַרלוירענער ח"ו, ווייל איך האָב פאַרבראַנגט אַלע מיינע יאָרן מיט נאַרישקייטן, נאָר אדרבה, מיט די לעצטע "מטבע" - די יאָרן וואָס זענען איהם נאָך פאַרבליבן צו לעבן - קען ער "דינגען אַ שיף", און אָנקומען דערמיט צו זיין ציהל און תכלית אין לעבן (די שטוב מענטשן פונעם בעל "מנחת יצחק" זצ"ל, האָבן עדות געזאָגט, אַז זינט יענעם שלש סעודות, האָט ער אַ סאַך מאָל איבערגע'חזר'ט דעם דערמאָנטן משל).

מיר געפינען ביי יונה הנביא (וואָס מיר זאָגן אין "מפטיר יונה", ביי תפלת מנחה יום כיפור), אַז ער האָט געבעטן פונעם "רב החובל" - דעם שיף-קאַפּיטאַן - און פון די מאַטראָזן פון די שיף, "שאוני והטילוני אל הים וישתוק הים מעליכם" (יונה א, ח), הייבט מיך אויף, און וואַרפט מיך אַריין אין ים אַריין, וועט דער ים זיך באַרואיגן. האָט הגה"צ רבי לייב חאַסמאַן זצ"ל, דער משגיח פון דער חברון'ער ישיבה (מובא בס' "משחת שמן", להגה"ר חיים שאול קויפמאַן זצ"ל, משגיח אין דער ישיבה אין גייטסהעד, בראשית, עמ' ס') געפרעגט, פאַרוואָס האָט יונה געדאַרפט צולייגן דאָס וואָרט "שאוני" - טראָגט מיך? עס וואָלט געווען גענוג פאַר איהם צו זאָגן, אַז זיי זאָלן איהם אַריינוואַרפן אין ים אַריין?

האָט רבי לייב חאַסמאַן געענטפערט, אַז יונה האָט געוואָלט מ'זאָל איהם "טראָגן", כדי ער זאָל פאַרדינען נאָך אַ מינוט פון לעבן, ווייל ס'איז אומשאַצבאַר אַפילו איין מינוט פון לעבן, ווען דער מענטש קען תשובה טוהן אויף זיינע עבירות, און מיר ווייסן דאָך אַז "יש קונה עולמו בשעה אחת" (ע"ז יז.).

זעהען מיר פון דעם ווי חשוב עס איז אַפילו איין מינוט אין לעבן פון אַ מענטש, איז דאָך אַוודאי געוויס אין די לעצטע מינוט פון הייליגן טאָג יום כיפור, אַז מ'דאַרף זיך אָנכאַפּן אין דעם זמן, און עס אויסנוצן ריכטיג.

**לב.** וויבאַלד דער מענטש קען דעמאָלטס זיין אַזוי ווי אדם הראשון קודם החטא, איז פאַרשטענדליך אַז ממילא, קען ער דעמאָלטס מבטל זיין פון זיך יעדע גזירה רעה ח"ו, ווייל נאָכ'ן חטא עץ הדעת זענען דאָך פאַרשפּרייט געוואָרן די הייליגע "ניצוצות" איבער דער וועלט, אין אַלע גשמיות'דיגע עניינים, און אין אַלע דורות דאַרף מען מתקן זיין דעם חטא און צוריקקערן אַלעס צום שורש. אויך דער תכלית פון יסורים איז כדי מתקן צו זיין די "ניצוצות" וואָס זענען ליידער פאַרשפּרייט געוואָרן. ממילא, אויב דער מענטש איז זוכה בשעת נעילה צו ווערן אין די מדרגה פון "אדם הראשון קודם החטא", קען ער דאָך אָפּטוהן פון זיך אַלע צרות און יסורים, און דאָס האָט דער אויבערשטער טאַקע באַלד פון אָנהייב בריאה אַנטפּלעקט, אַז יעדער איד איז בכח צו זיין ווי אדם הראשון ווען ער איז באַשאַפן געוואָרן דורכ'ן באַשעפער אַליין!

**לג.** הרה"ק מסאטמאר זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט מיט בכיות, אין אַ דרשה פאַר "כל נדרי", אַז אַלע טויערן זענען יעצט אָפן, נאָר דער ערשטער טויער וואָס פירט צו אַלע טויערן - דער טויער פון האַרץ - איז נאָך ליידער פאַרשלאָסן...

באמת, קען מען אָבער מיט אַ גוטע קבלה, פאַרמיידן דאָס פאַרשפּאַרן די טויערן, על דרך משל, אַ מענטש שטייט ביים טיר פון אַ הויז, און די וועכטער ווילן פאַרמאַכן פאַר איהם די טיר, אָבער אויב ער שטעקט אַריין זיין פוס אינעווייניג אין הויז, קענען די וועכטער נישט פאַרמאַכן די טיר פאַר איהם, און אַזוי קען ער אַריינקומען אין הויז... דאָס זעלבע, דורך אַ גוטע קבלה וואָס דער מענטש נעמט אויף זיך, "שטעקט ער אַריין אַ פוס" אין דעם טויער פון תשובה, און קיינער קען פאַר איהם נישט פאַרשפּאַרן דעם טויער!

**אַ** חידוש נפלא שרייבט דער "תרומת הדשן" (סי' רעה) אַז מוצאי יום כיפור, ווערט דער דין נישט אָפּגעטוהן ביז די אידן ענדיגן נישט זייער סדר, און אפי' אויב עס איז שוין אַדורכגעגאַנגען דער טאָג, וואָס "תוספות יום כיפורים" איז דאָך נאָר אַ מצות עשה, אָבער "חביבים ישראל לפני המקום, דהקדוש ברוך הוא מנהיג בית דין של מעלה אחר סדריהם" - די אידן זענען באַליבט פאַר דעם אויבערשטען, אַז ער פירט דעם גאַנצן בית דין של מעלה, לויט'ן סדר פון די אידן. דעריבער, אַזוי לאַנג ווי דער מענטש דאַוונט נאָך תפילת נעילה, קען ער נאָך צערייסן די טויערן פון רחמים, כאָטש עס איז שוין געוואָרן נאַכט.

**אונזער** דערבאַרימדיגער גרויסער טאַטע אין הימל, זאָל טאַקע רחמנות האָבן אויף אידישע קינדער און אונז מזכה זיין מיט תשובה שלימה, וואָס אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה, צו רפואות הגוף והנפש בשלימות, בני מעלי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, און מיר זאָלן אַלע זוכה זיין צו אַ גמר חתימה טובה, לחיים טובים ולשלום, אמן.